STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02443

KOMETS-ALEF--O

Ziame Telessin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיאַמע טעלעסין

✶

קמץ־אַלף — אָ

הילע און עמבלעם געצייכנט
דורך דעם קינסטלער ל ב ס י ר ק י ן

Cover and emblem
by **L e v S y r k i n**

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן דורך דער
ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים
מיט דער הילף פון דער אברהם בערניקער־ליטעראַטור־פונדאַציע,
דושקאַ ניומאַן, עמאַ שייווער, קולטור־אָפּטיילונג
פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס — ירושלים;
וואָלף אַרצט (מיאַמי־ביטש) און הרב שלום אַ. סינגער,
בית כנסת בני־תורה (שיקאַגאָ).

1980

זיאַמע טעלעסין

קמץ־אַלף - אָ

אַרויסגעגעבן דורך דער
ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים
בהוצאת החברה לתרבות יידיש בירושלים

Ziame Telessin

KOMETZ ALEF — O

Published by the
YIDDISH CULTURE ASSOCIATION — JERUSALEM, ISRAEL

Exclusive Copyright: Ziame Telessin

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel
Printed in Israel 1980

©

נדפס בישראל תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א



מײַן רָחֵלען

אונטערן באָקסערבוים

שלאָג אויף די קישן

די קישן אויסגעפּאַקט פון פּאַק, —
אַ שטיין געוואָרן איז די קישן.
אַ לעבן אַז דו פּאַקסט זיך רק,
אַ לעבן ביסטו אין אַ צווישן.

פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט,
ווי אַ פאַרוואָגלטער ציגײַנער,
אויף שפּאָט, אויף קיינעמס ניט באַראָט
איז אויסגעשטעלט דער גורל דײַנער.

ווער האָט די ברכה פּרו ורבו
געמאַכט אויף בייזע זאַווערוכעס,
אַז ניט געפינען זאָלסט קיין רו,
ניט האָבן זאָלסטו קיין מנוחה?

איז האָבן מיר זיך טאַקע שוין
צו אונדזער ברעג דאָ צוגעשלאָגן,
און איצט וועט קומען אונדזער לוין
נאָך יאָרן גלותדיקן וואָגל?

די קישן אויסגעפּאַקט פון פּאַק, —
מײַן טײַערע, שלאָג אויף די קישן,
און לאָמיר טוליען באַק צו באַק
און טרער מיט טרער צוזאַמענמישן.

דו זעסט דעם מידבר

דו זעסט דעם מידבר רונד אַרום,
ווי ער איז וויסט און טויב און שטום,

דעם גראָוון וואַלגערשטיין דו זעסט,
וואָס צו דער ערד איז צוגעפּרעסט?

נאָר ס׳גרעזעלע, פֿאַרשאַרפּט און קליין,
פֿאַרעקשנט קריכט פֿון אונטער שטיין!

און אָט וואַקסט אויס אַ מאַנדלבוים,
אַ בוימוואָל־פֿעלד אין ווײַסן שוים,

אַ שטוב מיט אַ פֿאַרפֿלאַכטן דאַך,
אַ צײַל מיט הײַזער בײַ דעם שליאַך,

אַ צווייטער צײַל, געווענדט צום פֿעלד —
און ס׳ווערט אַ יישוב אויסגעשטעלט, —

ביז אויפֿן באַרג פֿאַוואָליע האָט
גענומען קלעטערן אַ שטאָט!

איך שטיי אונטער אַ באָקסערבוים

איך שטיי אונטער אַ באָקסערבוים,
אַ באָקסערבוים,
צו אים דערקליבן כ׳האָב זיך קוים,
איך האָב זיך קוים.

איך זיץ אונטער אַ פײַגנבוים,
אַ פײַגנבוים,
אַרום איז גרין, אַרום איז גרוים,
ס׳איז גרין און גרוים.

איך ליג אונטער אַ מאַנדלבוים,
אַ מאַנדלבוים.
ער איז געווען בײַ מיר אין טרוים,
בײַ מיר אין טרוים.

אַ באָקסערבוים,
אַ פײַגנבוים,
אַ מאַנדלבוים —
אין אויג אַ טרער האַלט אײַן זיך קוים,
האַלט אײַן זיך קוים...

צום באַרג מירון

צום באַרג מירון איך טו זיך ווענדן:
— ניט קוק אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן!

צי שוין זשע, כ׳פרעג אים, לא היכּרתָ,
האָסט ניט דערקאָנט די איַינגעשפּאַרטע

די אויגן מייַנע פון דעם כּנעני,
וואָס האָבן אויסגעקוקט פונדאַנען

די רוימישע צעהעצטע האָרדעס,
וואָס האָבן אונדז געוואָלט דערמאָרדן?

דערקענסט מיך ניט, דעם שאלה־פרעגער,
דעם מורד קעגן קרייצן־טרעגער,
דעם פּאַסטעך און דעם באָקסער־פלאַנצער,
דעם שמיד פון די מלחמה־פּאַנצערס,
דעם טעפּער און דעם פּאַרמעט־גאַרבער,
דעם לערנער פון מסכתות האַרבע?

געדענקסטו ניט דעם טאָג דעם טריבן,
ווי מיך פון צפת מען האָט געטריבן?
ווו נאָר אַ לאַנד און אַ מדינה
האָסטו געקענט מיך אָפּגעפינען —
געשטראָפט מיט שפּאָט, פאַרפאָלגט דורך שנאה.

ווו נאָר אַ גזר, אַ צרה ווו נאָר —
האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער.
עס האָט מיר קאַלך־אויוונס געסטייַעט...

נאָר ניט געברענט האָב איך אין פײַער,
אַרויסגעטויכט כ׳האָב פונעם וואַסער,
און ס׳ווערט מײַן קול אַ קול־מבשׂר,
מײַן רוף צעטראָגט זיך איבער לענדער:
— גענוג, איבערגענוג געווען דאָרט! —

דורך וועגן פול מיט פּײַן און טומאה
צוריק צו זיך בין איך געקומען.

גיב, לאָמיר אַן אייזעלע קויפן

גיב, לאָמיר אַן אייזעלע קויפן!
באמת, פאַרוואָס טאָקע ניט?
צום אייזלנעם מאַרק צוצולויפן
ניט מער איז ווי עטלעכע טריט —
אַראָפּ מיטן שטיינערנעם שטעגל,
אַהין וווּ דער מאַנדלבוים בליט.

און אויסקלייַבן דאָרטן מיר וועלן
אַוועלכן דו ווילסט נאָר אַליין —
אַ ברוינעם, צי אפשר אַ געלן,
נאָר מיר איז אַ ווייַסער געפעלן,
אַ ווייַסער זעט אויסעט מיר שיין.
און וואָס אָנבאַלאַנגט צו דעם מקח,
אַדורכקומען וועלן מיר, כ׳מיין.

און פונקט קעגן איבער די שטיגן,
וואָס פירן פון היגל צום הויז,
אַן אייזעלע האָט זיך צעשריגן,
עס גייט פון די כלים אַרויס.
אַזוי ווי מען שרייַט פון אַן עוולה,
וואָס זי איז משונהדיק גרויס.

און איך — פון דעם ליד דער מחבר —
אין פענצטער כ׳דערזע פון דער ווייַט:
אַזוי ווי אַ געץ, אַן אַראַבער
פאַרגלאָצט אויף זייַן אייזעלע רייַט,
זייַן טונקעלע ווייַב ווי אַ שאָטן
צופוס גייט אים נאָך פון דער זייַט.

אָ, אומרעכט פון אוראַלטע צײַטן!
אים נאָכצוטאָן איז ניט קיין מוז.
בײַ מיר ווי אַ מלאָכה וועסט רײַטן
און איך וועל דיר נאָכגיין צופוס.
און קוקן מען וועט פון די הויפן
ווי שיין זעסטו אויס אין געריט.
גיב, לאָמיר אַן אייזעלע קויפן!
באמת, פאַרוואָס טאַקע ניט?

מײַן אולפּן

איך דאַרף אים גאָר ניט, דעם אולפּן
אויף לערנען זיך עברית.
דאָ זײַנען שילדן פול פאַראַן
אויף יעדן טריט און שריט.

זיי שרײַען דיר פון אומעטום:
קיין רגע ניט פאַרליר, —
דו גיי איבער די גאַסן אום
און לייען און שטודיר!

דו האָסט אַפּישן אויף דער וואַנט —
אי רויט, אי גריק, אי בלאָ, —
די אותיות זײַנען מיר באַקאַנט,
די ווערטער אָבער — לאַ!

דעם קאָפּ פאַרריסן אויף אַרויף,
איך גיי פון שילד צו שילד...
אַ קינד באַווײַזט זיך פון אַ הויף —
אַ סאַברעלע, די האָר — פאַרשרויפט —
און שמייכלט צו מיר מילד.

ראַבינאָוויטש

— אײַער נאָמען ווי איז?
— פּיאָטר.
— און דער פאָטערנאָמען?
— לוואָוויטש.
— די פאַמיליע?
— ראַבינאָוויטש.
— ראַבינאָוויטש, פּיאָטר לוואָוויטש?
פּיאָטר לוואָוויטש ראַבינאָוויטש?! —
ס'טוט די פּענע
אַזש אַ סקריפּע.
און אַ שמייכעלע אַ גאַליקס
האָט אַ קרים געטאָן דאָס ליפּל
מיט די ווענצעלעך די פעטע
בײַ דעם פרעגער און פאַרשרײַבער
פון דער דאָזיקער אַנקעטע.

ווען געבאָרן,
ווו געבאָרן,
ווער די מוטער איז,
דער פאָטער —
גלײַך דעם נײַגער אָנגעוואָרן.
צו די אַלע פראַגן האָט ער.
און אַפילו אויף דער פראַגע,
צי עס האָט די עלטער־באָבע
זיך געשלאָגן אין איין לאַגער
מיט די שונאים פון אָקטאָבער
און דערנאָך עס אויסבאַהאַלטן,
האָט דער פרעגער און פאַרשרײַבער
אויכעט זיך ניט לאַנג פאַרהאַלטן.

בחפזון, איינס און צוויי
אַלץ פֿאַרשריבן לויט דער ריי.

ענדלעך האָט ער זיך דערקליבן
צו דעם פינפטן פונקט דעם ליבן,
און ער האָט אַרײַנגעשריבן,
שוין ניט פרעגנדיק, „יעוויי״.

ראַבינאָוויטש, ראַבינאָוויטש,
ס׳איז צו דיר שוין אָך און וויי!

ס׳איז די נאָז דײַנע קורנאָסע,
ראַבינאָוויטש.
שווערע מי איז דײַן פרנסה,
ראַבינאָוויטש.
ס׳איז דער קאָפּ דײַנער אַ בלאָנדער,
ראַבינאָוויטש.
ניט געווען ביסט אויפן פראָנט דען,
ראַבינאָוויטש ?

ס׳איז דײַן אַרבעט שטאַרק געפעלן,
ראַבינאָוויטש.
וואָס זשע שלאָגסטו אָפּ די שוועלן,
ראַבינאָוויטש ?
גייסט אַרום אַ האַלבפאַרצוקטער, —
אויף דעם פינפטן פונקט מע קוקט נאָר,
ראַבינאָוויטש.

מעגסט דעם נאָמען דײַנעם בײַטן
און דעם פאָטערנאָמען בײַטן,
די פאָמיליע דײַנע בײַטן, —

זיי דערשפירן דיך פון ווײַטן,
ראַבינאָוויטש.

ביסט פאַר זיי אַ פרעמדער דאָרטן.
זייסט און יעטסט אַ פרעמדן גאָרטן.
און ניט דײַנע איז די פרי
פון דעם בוים דורך דיר פאַרפלאַנצטן.
פון אַ גזירה ביז אַ גזירה
לעבסט אַ לעבן דאָרט אַ גאַנצן,
ראַבינאָוויטש.

איך בין שוין אַ ירושלמער,
ראַבינאָוויטש.
צו די פיס פאַר קיינעם כ׳פאַל מער,
ראַבינאָוויטש.

פיל געפײַניקטע און מידע,
קומען מיר צונויף זיך ווידער
אויף דער ערד, וואָס מיר שטאָלצירן
מיטן אויסדויער מיט אירן.

אין די גאַסן מענטשן שטראָמען.
אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען
„ראַבינאָוויטש״,
איך שפאַציר אין די פאַרנאַכטן.
וועגן דיר איך האַלט אין טראַכטן,
ראַבינאָוויטש,
ראַבינאָוויטש.

קמץ־אַלף — אָ

בעתן פאַרטיילן דעם מאַנגער־פּרײַז האָט גאָלדע מאיר אין איר רעדע צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז זי לערנט אירע אייניקלעך יִדיש.

גאָלדע, זי לערנט די אייניקלעך יִדיש —
זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה!
די סאַברעשע אויערלעך הערן פאַרחידושט:
קמץ־אַלף — אָ?!

אַ קמץ זאָל זײַן גאָר אַן „אָ" ניט קיין „אַ"? —
די אויגעלעך פרעגן אַ פראַגע אַזאַ —
האָ?

ווייסט דען די סבתא שלעכט דעם ניקוד,
קענען די אייניקלעך קלערן.
זאָג איך: זי ווייסט דעם ניקוד זייער גוט,
מיט אים האָט זי זאַלץ אויפגעגעסן אַ פּוד,
איך קאָן אײַך שווערן!

ווער ווייסט אַזוי גוט צו דערציילן אײַך, טײַערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייסט,
ווי אויפן פּריפּעטשעק ברענט אַ פײַערל
און אין שטוב איז הייס,

ווי ס׳רײַסט פונעם דאַך די פאַרמאַכיקטע שינדעלעך
דער ווינט, וואָס איז קאַלט און בייז,
ווי ס׳לערנט דער רבי אונדזערע קינדערלעך
דעם יִדישן אַלף־בית.

ווער ווייסט אַזוי גוט צו דערציילן אײַך, טײַערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייסט,
ווי ס'ליגט אויף די שטעטלעך אַ הימל אַ בלײַענער,
פון ערגעץ מע זעט ניט קיין טרייסט...

ניט קיין געטרונקענע, ניט קיין געגעסענע,
אַזוי ווי די שאָף פאַרשמאַכט.
די שפּראַך פון די אָבות, שוין לאַנג אַ פאַרגעסענע,
געבליבן איז נאָר אין תנ"ך.

ווער ווייסט אַזוי גוט צו דערציילן אײַך, טײַערע,
אַזוי ווי די באָבע ווייסט,
ווי ס'איז אונדזער ייִדיש אַדורך אַלע פײַערן,
געוואָרן אַ לעבן די גרייס.

אַז ייִדיש פאַרבלײַבן דאָס פאָלק וואָלט געקאָנט דען
און איבערטראָגן דעם בראָך? —
דאָס אַלץ מיט די אייניקלעך לערנען וועט גאָלדע,
דאָס אַלץ און עפּעס נאָך...

לערנט זשע, קינדערלעך, ניט צו פאַרזאַמען, —
אַ קאַפּעלע שפּעטלעך די שעה...
איז גיט, לאָמיר זאָגן אַלע צוזאַמען:
קמץ־אַלף — אָ!

זאַל רעגענען

איך גיי,
דער וועג דאַרף ברענגען מיך
צום ייִשוב אויף אַרויף.
איך גיי,
דער וועג, ער שלענגלט זיך,
ווי אַ צעגליטער שרויף.

דער הימל דאָ — דער זויבערסטער
פון אַלע וואָס איך קאָן.
צוויי וואָלקנס שטאַרק צעשויבערטע —
אָן אונטערשטער, אָן אויבערשטער,
פון ים־סוף שווימען אָן.

און אָט — אַ טראָפּן טוט אַ גלאַנץ,
ווי פרעגן וואָלט: „מען מעג?"
— וואָס הייסט, מען מעג? — צוריק אַ פרעג
אים טוט דער פּאָמעראַנץ.

— וואָס הייסט, מען מעג? ס'איז אונדזער טרוים! —
אים ענטפערן דער איילבירטבוים,
דער באָקסערבוים, דער טייטלבוים,
דער בוים, אויף וועלכן ס'וואַקסט די פלוים,
און די פּרדסים פון ציטרין,
צונויפגעמישט פון געל און גרין,
די שטעכלקע דאָרט אין די בערג,
וואָס מיט דער טריקעניש זיך ווערגט. —

וואָס הייסט מען מעג?
מען דאַרף!
מען מוז! —

און ס׳האָט אַ פלייץ געטאָן אַ גוס...
אַ דורכגעווייקטער ביזן ביין,
איך גיי און זינג צו זיך אַליין:
זאָל רעגענען,
זאָל רעגענען,
ווי גוט איז צו באַגעגענען
אַ רעגן אויפן וועג!

מיטן פנים צום באַרג

אַהינטערן באַרג איז דער שונא
און זיי — מיטן פנים צום באַרג.
דער אָפּריס — אַ האַרטקייט אַ ברוינע,
וואָס איז אויף אַ גרעזעלע קאַרג.

דער באָרוועסער באַרג־פוס פאַרבאַקט איז,
אַזוי ווי צעטרעסקעטער טינק.
אַפילו דעם דורשטלאָזן קאַקטוס
אַרויסשפּראָצן דאָ ניט געלינגט.

אַזוי האָט דער גאַנצענער באָדן
יאָרהונדערטער לאַנגע געשמאַכט.
זיי האָבן פון שטיינער אַנטלאָדן
דעם באָדן בײַטאָג און בײַנאַכט.

און אָנגעשלעפּט האָבן זיי רויערד,
קיין כּוחות אויף דעם ניט געשפּאָרט.
די שטייניקע טיפקײַט געבויערט
און וואַסער געפּאָמפּעט פון דאָרט.

און אויפגעשטעלט ערשטע געצעלטן,
און ווײַנשטאָקן ערשטע געפלאַנצט,
און ביז דעם קאַיאָר דעם צעהעלטן
די האָראַ זיי האָבן געטאַנצט.

...ווי גאָלד זײַנען פעלדער פון גערשטן,
די פעלדער פון בוימוואָל — ווי שניי.
זיי זײַנען געוואָקסן פון די ערשטע,
צו שפּעט כ׳בין געקומען צו זיי.

אין מידבר

איך וועל זיך צו דעם פעלדז ניט וואַרפן קושן,
נאָר כ׳וועל באַמיִען זיך פון אים ניט ווייַכן.
געוווינט כ׳בין צו אַ לאָנקע מיט אַ בושל,
כ׳האָב אויסגעהאָדעוועט זיך ביַי אַ טייַכל.

מייַן בוים געוועזן איז די שטילע אַספּע,
די בלעטער פון דער לינקער זייַט — ווי זילבער.
עס האָט איר פּשוטקייַט אַזוי געפּאַסט איר!
צו יעדן שאָרך אירן געוועזן כ׳בין פילבאַר.

די זון דאָ — סאַראַ בריִען, סאַראַ בראָטן!
עס דוכט, זי שמעלצט די גרויע שטיינער־הרודעס,
גיי פּרווו, זוך אָפּ אַ סימן פון אַ שאָטן
אין דעם צעגליטן מידבר פון יהודה.

קיין הייַפל ערד — אַ גרעזעלע זאָל שפּראָצן,
דאָס גרעזעלע אַ געגנדזעלע זאָל ציפּן...
נאָר ס׳האָט אַהער צו מיך געבראַכט מייַן רצון,
איך טראָג פאַר אַלץ אַ ברכה אויף די ליפּן.

דאָרשט

דער ברונעם־בושל אויף זייַן לאַנגן האַלדז
האָט אויפגעהויבן הויך דעם פּוסטן עמער
אויף צו באַווייַזן די פֿאַרשמאַכטע לעמער,
אַז מיטן ברונעם איז געענדיקט אַלץ.

די קאָרעטע וועט מערער שוין ניט הערן
פֿון טרינקענדיקע שעפּסן דעם געפּאָרשק.
ס׳האָט דער אַכזריותדיקער גאָט פֿון דאָרשט
פֿאַרשטאָפּט דעם ברונעם מיט אַ שטיין אַ שווערן.

דאָס מידבר־בלימל

אונטער אַ וואָלקנדל אַ העלס,
וואָס פּאַסט אַזוי צום היגן הימל,
כ׳דערזע אַן אַקסל פון אַ פעלדז
און אויף זײַן אַקסל וואַקסט אַ בלימל.

דער מידבר אונטער מײַנע פיס
איז ווי אַ ציגל אויסגעטריקנט.
אַ גרעזעלע, אַ וואָס ניט איז
איך זאָל דאָ ערגעץ ווו דערבליקן.

דאָס וואָלקנדל צעגייט ווי רויך,
ניט געבנדיק קיין טראָפּן רעגן.
מיר ווילט זיך בײַ דעם בלימל פרעגן:
— ווי וואַקסטו דאָרטן אין דער הויך? —

דאָס בלימל גיט מיר צו פאַרשטיין
פון אויבן אויפן פעלדזן־אַקסל:
— ווען אויף דער ערד דו קענסט ניט וואַקסן,
איז מוזסטו וואַקסן אויף אַ שטיין.

דער ברונעם

חפרתי את הבאר הזאת.
(בראשית, כא, ל)

דאָ זעסטו ניט די ווײַסע מעווע,
וואָס וויגט זיך אויף אַ כוואַליע־קאַם.
דער ים איז ווײַטלעך פון באר־שבע,
דער נגב ווייסט ניט פון קיין ים.

געפינסט דאָ ניט דאָס מינדסטע טײַכל.
בלויז אָט דער אַלטער ברונעם־ראָד,
בלויז יאַשטשערקעס אויף שטיינער שלײַכן
און היטן אויס פון צײַט דעם סוד.

אַהער דורך זאַמדיקע סאַמומען
מיט יאָרן טויזנטער צוריק
אַברהם אָבינו איז געקומען.
איך שטעל זיך פאָר, ווי מיטן בליק

האָט ער די ערד אַרומגענומען,
וואָס האָט דער וויסטעניש געהערט,
און אויסגעגראָבן דאָ אַ ברונעם,
און זיך פאַראייביקט אויף דער ערד.

נאָך שווערע יאָרן ניט געדאַכטע,
מיט פאָרכטיק־שטילן טריט־געשורש
איך קום צום ברונעם אַ פאַרשמאַכטער
און שטיל מײַן דורותדיקן דורשט.

יום־כפור־מלחמה

איך זיץ אין עיר־גנים ביי זיך אין שטוב.
דער טעלעוויזאָר האַלט מיך ווי אַ פּאַסטקע.
און מיט אַ מאָל כ׳דערזע זיך אין אַ קאַסקע,
פון אונטער וועלכער ס׳קוקט אַרויס מיין טשוב.

דער מידבר־שטויב אויף מיר זיך זיפּט און זיפּט.
דאָס כאַקי־העמדל איז אַ דורכגעשוויצטס.
צו פוס עס גייט ניט די פּעכאָטע איצט,
מיר טראָגן זיך אויף אַ פאַרשטויבטן דזשיפּ.

צו דעם קאַנאַל מיר איילן פון אילת.
די אַרטשאַפט איז דאָ אַנדערש ווי ביי אַרשע.
וואָס אויסצושטיין איך האָב דאָרטן געהאַט!
מיין לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר שוין.

צו וועלכן אָפּגרונט נאָר, צו וועלכן ראַנד
געקראָכן איז ער, דער מלחמה־וועג דער שווערער!
געוויס אַ העלפט אייראָפּע, אויב ניט מערער,
כ׳האָב אין קירזאָווע שטיוול דורכגעשפּאַנט.

כ׳האָב דורכגעשפּאַנט? — עס רעדט זיך נאָר אַזוי.
כ׳האָב דורכגעפּויזעט ממש אויף די עלנבויגן.
געפלאַקערט האָבן דערפער פונקט ווי שטרוי,
צעפאַלן זיינען שטעט אויף מיינע אויגן...

געשריגן האָט די געטאָ אָן אַ קול
דורך גאָרגלען פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס.
מיט הייסן בליי און גליענדיקן שטאָל
מיר האָבן אויסגעכשרט די מקומות.

עס איז אין מיר נאָך יענע קראַפט פאַראַן,
מיט וועלכער כ׳בין אַדורך די שבעה מדורי גיהנום.
כ׳קען לאָזן זיך מיט דעם חייל אָט יענעם,
וואָס איז דערשינען ערשט אויפן עקראַן...

אַרייַן איז די מלחמה אין מייַן שטוב,
געוואָרן ביזן ביין כ׳בין אויפגעציטערט.
...אָט רוק איך אָן זייַן קאַסקע אויף מייַן טשוב,
וואָס איז שוין דורכגעגרויט און עטוואָס שיטער.

איך בין דאָך אַ דערפאַרענער סאָלדאַט —
עס האָט דער טויט אויף מיר קיין שליטה ניט געהאַט.

בײַם טײַכל קישון

תפשו את נביאי הבעל איש אל ימלט מהם
ויתפשום ויורדם אליהו אל נחל קישון
וישחטם שם.

(מלכים א׳, פרק יח, מ)

1

ווײ־ווײ, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן,
בײַ אָט דעם טײַכעלע קישון!

דער נביא אליהו האָט
אין יענער גורלדיקער שעה
די פּריסטער פונעם פאַלשן גאָט
ביז איינעם אויסגעשאָכטן דאָ.

פיר הונדערט פופציק זײַנען זיי
געווען, ווי אין „מלכים" שטייט.
כ׳זאָל זאָגן אײַך, אַז איך פאַרשטיי
פון אָט דער מעשה דעם באַשייד?...

פון מאָרד־געשיכטעס כ׳בין שוין מיד.
כ׳וואָלט גלײַכער פון אַ שמיד געהערט,
וואָס האָט שוין ענדלעך אויסגעשמידט
אַן אַקער־אײַזן פון אַ שווערד.

וכתתו חרבותם לאתים
וחניתותיהם למזמרות.
(ישעיה, פרק ב, ד)

2

און אַט אַזוי מײַן ליד כ'הייב אָן
פון דעם, ווי זוניק איז און העל
ביי אָט דעם טײַכעלע קישון,
וואָס פליסט אין עמק יזרעאל.

ווען ס'הייבן אָן די רעגנס גיין,
פאַרפלייצט עס דאָן דעם גאַנצן פליין,
ווען ס'הייבן אָן די היצן שטיין,
אַ הון קאָן עס אַריבערגיין.

די היצן מעגן זײַן ווי גרויס
און האַרט די ערד אונטערן פוס,
נאָר קיין מאָל טריקנט עס ניט אויס,
צום ים זיך שלאָגט אַדורך זײַן פלוס.

אויף זײַנע ברעגן איז אַ וועלט,
וווּ מילדע רו און שפע הערשט.
אויף לינקס אַ פעלד,
אויף רעכטס אַ פעלד.
דאָ גייט דער שניט,
דאָרט זייט מען ערשט.

אַלץ מיט אַ מאָל! אַזאַ מין זאַך
איז מיר פון פריִער ניט באַקאַנט.

אַראָפּ כ׳גיי טיפער פונעם שליאַך,
כ׳צעריַיב אַ זאַנגעלע אין האַנט.

צום באַרג זיך טוליעט אַ קיבוץ,
ניט וויַיט — צעוואָרפן אַ מושב...
איבערן פלויט, וואָס דינט אַלס שוץ,
אַ קעלבל שפּרינגט אַריבער זשוואַוו;

עס טוט צום טיַיכל זיך אַ לאָז
מיט קעלבערנעם התפעלות־שפּרונג,
דאָס מאָרדעלע — אַ טונק אין גראָז,
אַ הייב און נאָך אַ מאָל אַ טונק...

נאָך דעם — אַ ייִנגעלע, פאַרשאַרצט
די הייזלעך העכער פון די קני.
מיַין ייִדיש ייִנגעלע מיַין שוואַרצס,
מיַין פרידלעך פויערל פון הי!

אַ האָגל אין ירושלים

אַ האָגל אין ירושלים!
אין ירושלים אַ האָגל!
די קינדער, זיי זײַנען צעטראָגן,
פֿאַר שׂמחה זיי נעמען אַזש שרײַען:
— ברד בירושלים! —
אַ האָגל אין ירושלים.

ער קלאַפּט אויף די פּלאַטשיקע דעכער,
אין שויבן די האָגעלעך פּײַקלען,
אין שטיינערנע שפּאַלטן און לעכער
די קײַקלענדיקע זיך פֿאַרקײַקלען.

ער האָפּקעט אַריבער די טרעפּלעך,
ער טאַנצט דורך די אײַזערנע צאַמען,
ער שנעלט אין די קינדערשע קעפּלעך
און שפּרינגט מיט די קינדער צוזאַמען...

אין שטוב וויל שוין קיינער ניט בלײַבן,
מע לאָזט זיך אין דרויסן, אין דרויסן!
דעם זילבערנעם האָגל צו קלײַבן —
די קינדער נאָר דאָס זײַנען אויסן.
די קינדער, זיי זײַנען פֿאַרטראָגן:
אין ירושלים אַ האָגל!

מע כראָמקעט אויף אים מיט די פּיסלעך,
מע שאַרט אים צונויף אין די הויפּנס,
די אויסערגעוויינלעכע ניסלעך,
וואָס קאָנסט זיי אין ערגעץ ניט קויפֿן.

פֿאַר קעלט נעמען שטעכן די נעגל...
נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַ נאָגל!
די פֿרייד גייט אַרויס פֿון די ברעגן —
אין ירושלים אַ האָגל!

פֿון אויבן, פֿון וואָלקנדלעך ווייכע
דער האָגל זיך שיט ווי פֿון זעקלעך.
דערוואַקסענע קוקן און שמייכלען,
ווי ס'פֿלאַמען די קינדערשע בעקלעך
ביים כאַפּן די האָגעלעך רונדע —
זיי קאָנען, חלילה, ניט סטייען...
עס איז דאָך בפֿירוש אַ וווּנדער —
אַ האָגל אין ירושלים!

אויך איך ווער פֿאַרכאַפּט מיטן האָגל,
כ'נעם אויך מיט די קינדער זיך פֿרייען.
...נאָר גלייך כ'ווער פֿון דאַנען פֿאַרטראָגן
אַהין צו, וווּ ס'ווייען זאַווייען,
וואָס איבער די רחובֿותן וואָגלען
דורך וועלדער און פֿעלדער וואָס דרימלען,
וווּ ס'פֿאַלן ווי שטיינער די האָגלען
פֿון דאָרטיקע בלייענע הימלען...

מע הערט ניט אַפֿילו דיין שרייען —
ווער ווייסט וווּ דיין קול ווערט פֿאַרטראָגן...

אַ האָגל אין ירושלים!
אין ירושלים אַ האָגל!

„שבע, שבע, שבע"[1]

„שבע, שבע, שבע"
גיסט אָן מיר אין מײַן כּוס.
אויב ס'איז נאָר צוויי מאָל „שבע",
איז ווייסט, אַז ס'איז ניט דאָס!

און אויב ס'איז איין מאָל „שבע",
דאָס טויג אין גאַנצן ניט...
נאָר „שבע, שבע, שבע"
אַ צווייטן כּוס מיר גיט!

וואָס, בגילופין בין איך?
כ'בין שיכּור נאָר דערפון,
וואָס אין דעם כּוס געפין איך
דעם טעם פון אונדזער זון.

זי איז דורך כּרמל־טרויבן
אַרײַן אינעם געטראַנק,
און פּרוווט מיר ניט דערלויבן
צו זינגען מײַן געזאַנג.

דאָ ביי מײַן טיש, זײַט וויסן,
כ'בין אויס עולה־חדש.
איז גיט מיר נאָך אַ ביסל
די זוניקײַט פון פלאַש!

---

[1] „שבע שבע שבע" — אַ מאַרקע פון קאָניאַק.

„שבע, שבע, שבע" —
איך האָב גאָר ניט געוווּסט,
אַז בײַ דער פלאַש אַ טבע
איז ווערן פּלוצים פּוסט...

פון חיפה ביז באר־שבע
זאָל הערן זיך מײַן קול —
גיסט אָן כאָטש צוויי מאָל „שבע",
גיסט אָן כאָטש איין מאָל „שבע",
גיסט אָן — זאָל זײַן ניט „שבע",
נאָר זײַן לחיים זאָל!

פֿאַלאַפֿעל

אין אַ צווישן, אויפֿן מאַרק,
ווי אין אַ שאַפֿע,
שטייט אַ ייִד פֿאַרהאָוועט שטאַרק —
ער גרייט פֿאַלאַפֿעל.

דער ייִד, ווײַזט אויס, איז פֿון טוניס,
צי פֿון מאַראָקאָ,
ער ווייסט שוין וואָס פֿאַלאַפֿעל איז,
ער איז אַ בקי.

ער האַלט אַ פּלעצל, אויסגעבאַקט
אַ ביסל ווייכלעך,
וואָס ברוינלעך איז זײַן רעכטע באַק,
די לינקע — בלייכלעך.

אַזאַ מין פּלעצל איז באַקאַנט
מיר נאָך פֿון ליטע,
אַזאַ מין פּלעצל דאָ אין לאַנד
רופֿט מען פּיתה.

ער טוט די פּיתה טיף אַ שניט,
אַ צעעפֿן,
ער פּילט זי אָנעט אין דער מיט
מיט גרינס, מיט פֿלייש, מיט וואָס נאָר ניט —
קענסט אַלץ דאָרט טרעפֿן.

כ'בין מודה זיך, מײַן אַפּעטיט
איז גאַנץ אַ שלאַפֿער.
נאָר כ'עס מיט אַלעמען דאָ מיט
מיט אַזאַ גרויסן אַפּעטיט
דעם פֿאַלאַפֿעל.

פּאָליטגראַמאַטע

יעדע נאַציאָנאַליטעט מוז האָבן פיר סימנים:
אַן אייגענע טעריטאָריע, אַ געמיינזאַמע שפּראַך,
אַן אייגענע עקאָנאָמיק, אַ נאַציאָנאַלע קולטור.
אַזוי האָט אונדז געלערנט דער „פֿאָטער פון די
פעלקער".

מײַן הויט איז שוין ברוין ווי ציקאָריע,
די זון פון ישׂראל מיך גליט.
איך האָב שוין אַ טעריטאָריע.
מײַן ברודער אין רוסלאַנד — ניט!

אָט דאָ בין איך מער ניט קיין אײנזאַמער.
ווי אײנזאַם איז דאָרטן דער ייִד!
איך האָב שוין אַ שפּראַך אַ געמיינזאַמע.
מײַן ברודער אין רוסלאַנד — ניט!

מיר זײַנען דאָ אַרבעטער, פּויערים,
פּאַרטראָטן אין יעדן געביט.
אַן אייגן היימלאַנד בויען מיר.
מײַן ברודער אין רוסלאַנד — ניט.

און, פּערטנס, — איך האַלט בײַ דער סכעמע זיך
(ס'איז טיף אין מײַן מוח איר שפּור), —
איך האָב דאָ ניט וואָס צו שעמען זיך
מיט מײַן נאַציאָנאַלער קולטור.

איך לײַד ניט פון דיסקרימינאַציע —
איך, וואָס איך בין אַ ייִד!
איך בין דאָ געוואָרן אַ נאַציע.
מײַן ברודער אין רוסלאַנד — ניט.

כ׳האָב ניט געוווּסט

דער אויטאָבוס איז פול געפּאַקט.
אַרייַן כ׳בין ווי עס איז.
גלייַך מיט אַ קנאַק האָט דער נהג
געשטעמפּלט מייַן כּרטיס.

עס טוט צו מיר אַ דריי דעם קאָפּ
אַ פרוי — איר בליק איז פריש,
דאָס אָרט זי טרעט מיר תּיכּף אָפּ
און זאָגט מיר: „שב, קשיש!" —

און שטיין געבליבן בייַ מייַן זייַט.
עס עטעמט הויך איר ברוסט.
נאָר וואָס דאָס וואָרט „קשיש" באַדייַט,
האָב איך נאָך ניט געוווּסט...

צו דעם בושל

איך האָב דיך גלײַך, מײַן טײַערער, דערקענט, —
געלעבט האָסט אויפֿן דאַך פֿון יאַנקעס שײַער,
האָסט אַזש אַהער דערקלײַבן זיך געקענט
דעם ווינטער איבערווינטערן, וואָס ברענט
איצט דאָרטן מיט אַ העליש־ווײַסן פֿײַער.

ווי דו וואָלסט אומגעקערט מיך אויפֿצוריק
אַהין, וווּ כ׳בין אַ באָרוועסער געלאָפֿן,
און וווּ דער זומער איז איין אויגנבליק.
נאָר ניט אַזוי דער ווינטער דאָרטן דריקט,
ווי ס׳דריקט די כמאַרע, וואָס שווימט אָן פֿון צפֿון.

אַוועקפֿלִיען איז דיר געווען ניט שווער.
דאָ וואַרט דיך אָפֿט אַ זומער אַ צעגרינטער.
ווי פֿון די קרומע לאַפֿעס פֿון אַ בער,
האָב איך אַרויסגעריסן זיך אַהער
ניט נאָר אויף איבערווינטערן דעם ווינטער.

און ווי נאָר ס׳וועלן פּלאַצן דאָרט די פֿרעסט,
וועסטו זיך קערן צו דײַן קאַנט דעם ליבן,
ווײַל דאָרט בײַ דיר פֿאַרבליבן איז אַ נעסט.
נאָר איך וועל זיך ניט קערן, ווי דו זעסט,
ווײַל דאָרט בײַ מיר איז גאָרנישט ניט פֿאַרבליבן.

די בעריאָזע

איז דען שולדיק די בעריאָזע,
וואָס איך האָב דאָס לאַנד פאַרלאָזן,
ווו איך בין, ווי זי, געבוירן,
ווו איך בין, ווי זי, געוואַקסן,
ווו געשענקט אונדז האָט דער גורל
די זאַווייען און די שלאַקסן?

די בעריאָזקע איז דען שולדיק?
ס'האָט געבויגן זי אין צווייען,
פונקט ווי איך, געווען געדולדיק
צו די שלאַקסן און זאַווייען.
ווי מיר פלעגן זיך דערפרייען
מיט די אָדליגעס די שפּעטע,
ווען די זון פלעגט טאָן אַ קלעטער
אויפן הימל עטוואָס העכער,
און ס'פלעגט קאַפּען פון די דעכער!

דעמאָלט כ'האָב איר זאַפּט דעם טערפּקן
מיט אַ שטרויעלע געזויגן
פון דעם שניט דעם קוים באַמערקטן
אויף דער מילכיק־ווייַסער קאָרע
אין די פרילינג־טעג די קלאָרע
אונטער ערשטן רעגנבויגן.

איז דען שולדיק די בעריאָזע
אין דער גרינער בלעטער־פּינע,
וואָס איך האָב געמוזט פֿאַרלאָזן
ס׳לאַנד, וואָס פּילט צו מיר אַ שׂינאה.
זי איז אומשולדיק לחלוטין,
איך דערמאָן זי נאָר צום גוטן.

מיר פאָרן צום באַרג מירון

ווער פון אײַך עס איז נאָך ניט געפאָרן
אויף אַרויף צום באַרג מירון פון צפת,
דער האָט זיכער אַלע זײַנע יאָרן
אַזאַ יאַזדע קיין מאָל ניט געהאַט.

אויף דער ערד ניט אַלע װעגן טויגן,
נאָר אָט דער, מיט װעלכן איצט איך פאָר,
אויפגעמאַכט ער האָט מיר מײַנע אויגן
כ'וויים גאָר ניט אויף וויפל טויזנט יאָר.

גיי און טו אַ פּרוּוו אים אָפּצומאָלן
אָט דעם אוראַלט־װוּנדערלעכן שליאַך!
מיט קבלה זײַנען פול די טאָלן,
ס'ווייעט פון די וועלדער מיט תנ"ך.

גיי און פּרוּוו מיט ווערטער איבערגעבן
פון דער הויכער זון, איר פאַרבן־שפּיל,
ווען אַ ווײַסינק וואָלקנדל נעמט שוועבן
איבער אײַך פון אונטערשטן גליל.

אַ באַגעגעניש

מײַן װײַטע יוגנט האָט פּאַר מיר
אַדורכגעבליצט װי דורך אַ נעפּל,
װען כ׳האָב אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל
און אָנגעקלונגען אין איר טיר.

די טיר האָט זיך געעפֿנט שנעל.
— דו זע נאָר װער עס איז געקומען! —
און בײַ דעם אָרעם מיך גענומען,
אַדורכגעפֿירט איבערן שװעל.

זי לױפֿט אין קיך, צום טיש זי גרײט,
צעפּראַלט פֿון דעם קרעדענץ די טירלעך.
מיר לאַכן בײדע אומגעטירלעך,
װי ס׳װאָלט נאַטירלעך זײַן די פֿרײד.

געזעגנט זיך. פֿאַרמאַכט די טיר.
איך לױף אַראָפּ פֿון הױכן גאָרן.
דו זע, װאָס איז פֿון איר געװאָרן,
װאָס ס׳האָט די צײַט געמאַכט פֿון איר!...

דאָס זעלביקע, װאָלט איך געשװאָרן,
האָט זי געטראַכט אױך װעגן מיר.

אַ יִישוב לעבן ירושלים

דער יִישוב איז הויך אויף אַ היגל,
די פלויטן — פון שפיציקע שטאַנגען.
ניט דאָ האָט געוויגט זיך מײַן וויגל,
וואָס איז אונטער באַלקן געהאַנגען.

ניט דאָ כ׳בין אין חדר געגאַנגען
דורך געסעלעך ענגע און קרומע,
ניט דאָ אין די ווינטערס די לאַנגע
כ׳פלעג וואַרטן דער זומער זאָל קומען.

ניט דאָ האָבן זשאַבעס געבורטשעט
אין קוסטעס פון לאָזענע ריטער,
ניט דאָ אין די זומערס די קורצע
די ציג כ׳האָב בײַם טײַכל געפּיטערט.

ניט דאָ צו דעם אײַזערנעם ריגל
כ׳פלעג צובינדן זי אויף אַ שטריקל.
נאָר דאָ האָט אַ ליימענער קריגל,
וואָס הענגט אויף אַ שטאַנג און זיך טריקנט,
דערמאָנט מיך מײַן קינדהײַט... כ׳קען ווידער
זי אומקערן נאָר אין די לידער.

ווי ביים טאַטן אין ווײַנגאָרטן

עס האָט מײַן טאַטע ניט געהאַט קיין ווײַנגאָרטן.
בלויז קראָפּעווע געוואָקסן איז צו זאַט.
איז ווי האָב איך געקענט, איך פרעג אײַך, זײַן דאָרטן
און זיך צעלייגן אין דעם טאַטנס ווײַנגאָרטן,
וואָס ער האָט פאַר זײַן לעבן ניט געהאַט?

איך האָב געמיינט אין צפונדיקער שײַן דאָרטן,
כ׳וועל קיין מאָל שוין מײַן מיזרח־לאַנד ניט זען...
נאָר אָט איז ער, דער גרויסער נס געשען —
איך האָב זיך ברייט צעלייגט דאָ אין מײַן ווײַנגאָרטן,
וואָס איז אַמאָל מײַן טאַטנס אויך געווען.

אַ שטאָט אָן גאַסן

אַ שטאָט איז געוויינטלעך אָן ענגע,
ס'האָט רחבות איר שטענדיק געפעלט.
די הײַזער צעשטעלט אין שערענגעס,
און איין גאַס די צווייטע פאַרשטעלט.

און ניט נאָר אין שטעט אין די גרויסע,
אַפילו אין שטעטלעך אַ סך
אַ שטוב מיט אַ שטיבל זיך שטויסן,
אַ דאַך רוקט זיך אָן אויף אַ דאַך...

און דאָ — בלויז צוויי ליכטיקע פּאַסן
פון זאַמד און פון ים. ווי ס'איז שיין!
אָן הויפן, אָן ליקן, אָן גאַסן.
דאָ הוליעט די רחבות אַליין.

ניטאָ דאָ קיין גאַסן־יחסנים,
קיין אָרעמע פאָרשטאָט ניטאָ.
אַ שטאָט מיט אַן אַנדער גאָר פּנים,
אַ צווייטע אַזאַ איז דען דאָ?

אַ דאַנק אים, דעם חכם דעם בויער!
צו וואָס נאָר דערטראַכט זיך ער האָט.
דער מענטש אָבער זײַן זאָל נאָר הויער
צו לעבן אין אָט־אָ דער שטאָט.

מײַנע אותיות

ווי נאָר כ׳גיי פֿון שטוב אַרויסעט,
לויפֿן מיר אַרויס אַנטקעגן
גאַנצע מחנות אותיות, אותיות —
פּונקט ווי נאָר פּאַר מײַנעטוועגן.

אָט די אותיות, וואָס זײ זײַנען
דאָרט, אין יענעם לאַנד פֿאַרשטויסן,
העל־צעשמייכלטע זײ שײַנען
אין דעם זוניקן אינדרויסן.

אָט די אותיות, וואָס פֿאַרבליבן
זײַנען דאָ אין הענט אין פֿעסטע,
וואָס מיט זײ מע האָט פֿאַרשריבן
דעם תּנ״ך — דאָס בוך דאָס גרעסטע, —
אומעטום אין דרויסן זעסטו:

אויף די ליכטיקע פּראָנטאָנעץ,
אויף די שפּיגלדיקע שילדן,
יעדער אות איז מיט זײַן פּנים —
יעדער — טראָגט אַ גרוס אַ מילדן.

אויף די טומבעס מיט אַפֿישן,
אויף די פּלויטן מיט מודעות,
ס׳נעמען זיך צוזאַמענמישן
אותיות ווײַסע, רויטע, בלאָע, —

אויף די זײַטן פֿון די טאַנקען,
אויף די טויערן פֿון סקווערן,

אויף די שולן, אויף די באַנקען,
אויף די קינאָ־טעאַטערן,

אויף אַ מיצל ביי אַ יאַטל,
אויף אַ זייל, פון שטיין געטעסעט,
אויף אַ שוסטעריש וואַרשטאַטל,
אויף דעם מירמל פון דער כּנסת.

אין ביכער־קראָם

גיי איך מיר אַרײַן אין ביכער־געשעפט
אַ ביכל אָנצוקוקן.
בין איך געבליבן ממש געפּלעפּט, —
זע, וויפל ביכער מיר דרוקן!

אין אָפּטיילן זײַנען די ביכער צעשטעלט,
פֿאַרבײַ פּאָרט אויף רעדלעך אַ לייטער.
און טאָמער עפּעס אַ בוך דיר פעלט,
ווײַזט מען דיר אָן: אָט שטייט ער!

כ׳לאָז דורך „מעדיצין", „מאַטעמאַטיק", „טעכניק", —
איך אַרבעט ניט אין דער ריכטונג.
אָט האָב איך אויפגעכאַפּט מיטן בליק
דאָס, וואָס איך דאַרף — דיכטונג.

עס האָט זיך מיר אַזש פֿאַרדרייט דער קאָפּ,
וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, ברידער, —
אַ גאַנצע וואַנט פון אויבן אַראָפּ —
פֿאַרנומען מיט זאַמלונגען לידער!

און... ניט אַזוי די ביכער אַליין,
ווי זייערע שיינע הילעס.
איך זע, מע קאָן זיך אָן מיר שוין באַגיין, —
ס׳איז צו פיל דיכטער, איך פיל עס!

ס׳איז היינט אַזוי

דער ענין פון אַ ליד איז היינט אַזוי —
גיט לאָמיר אָנהייבן פון דעם געבוי:

דער גראַם.

דער גראַם פון ליד — מיט אים איז היינט אַזוי —
ס׳איז אויסגעפּאַרשט פון כּל־המינים ווייסערס,
אַז ס׳איז דער גראַם בכלל אַרויס פון סטראָי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער ס׳האָט זיך ערגעץ ווו פאַרגראַמט,
איז מהיכא־תיתי!

דער ריטם.

און מיט דעם ריטם פון אַ ליד איז היינט אַזוי —
ס׳איז אָנגענומען נאָך וויכּוחים הייסע,
אַז ריטם איז — אַן אַרבעט פאַר אַ גוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער מאַכט זיך אַ כּאָריי אָדער אַ יאַמב,
איז מהיכא־תיתי!

דאָס לשון.

אויך מיט דעם לשון פון אַ ליד איז היינט אַזוי —
דער גאַנצער ווערטער־סדר איז צעטרייסלט.
ס׳איז רוי דער זאַצגעבוי, דאָס וואָרט — ווי שטרוי.
וואס דארף מען הארעוון אזוי!
נאָר טאָמער טרעפט אַ שורה דווקא שלאַנק,
איז מהיכא־תיתי!

דער געדאַנק.

מיט דעם געדאַנק אין ליד באַשטייט אַזוי —
וואָס איז עס, אייגנטלעך, געדאַנק, ווער ווייסט עס?
פאַרשטייט זיך, קיינער ווייסט עס ניט גענוי.
וואָס דאַרף מען האָרעווען אַזוי!
נאָר טאָמער מאַכט זיך עפּעס אַ געדאַנק,
איז מהיכא־תיתי!

ווי דאַרף מען זאָגן

ניט געוווּסט האָב איך ווי בעסער
זאָגן אין געוויסע פאַלן —
צי „איך בין אַרײַנגעפאַלן",
צי „איך האָב אַרײַנגעפאַלן".
בײַ מײַן פרײַנד, דעם שפּראַך־פּראָפעסאָר,
איז מיר פרעגן אײַנגעפאַלן.
שווער געווען איז צו געפינען
אויף אַ שפּאַס טאָן אַזאַ בעלן.

מאַכט ער מיט אַ שטרענגער מינע:
— זײַט איר שוין אַרײַנגעפאַלן,
וואָס איז אײַך די נפקא מינא?

פושקין

שטייט אַ ייִד אויפן ראָג און ער קלאַפּט מיט דער פּושקע.
כ׳גיי צו און איך פרעג אים:
— דו ווייסט ווער איז פּושקין?

די פּושקע האָט אויפגעהערט תּיכּף צו קלאַפּן.
דער בעטלער מיך נעמט מיט די אויגן באַטאַפּן.

איין האַנט אין דער קעשענע האָט ער פאַרגראָבן —
ער קען ניט פאַרשטיין וואָס איך וויל פון אים האָבן, —

די צווייטע — פאַרדעקט האָט די פּושקע פון אויבן, —
כ׳האָב אָנגעטראַכט אפשר זײַן פּדיון באַרויבן,

צי כ׳פרעג אים אַ גאַס, אַ מישׂרד דאָ אין געגנט?
— אָן שטייט דער שוטר, זאָגט ער, אים דאַרפסטו פרעגן...

און פּטור צו ווערן פון מיר איז ער גערן.
אַ קרויז ווי אַ שרײַפל אים פאַלט אויפן שטערן.

די אויגן די שאַרפע — דאָרט וואַרפט זיך אַ פלעמל.
דאָס פּנים איז מיט באַקענבאַרדן באַרעמלט.

די ליפּן — פון נעגראָיִדישער ראַסע —
נו פּושקין! איך זאָג אײַך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער!

פון די נעגראָיִדן ביז איִראָפּעיִדן
איז, קאָנטיק, געלעגן דער וועג פון דעם ייִדן.

איך וואַרף אים אַריַין אַ מטבע אין פושקע
און זאָג אויף העברעיִש: שלום לך, פושקין!

געלאָזן איך האָב זיך מײַן אויטאָבוס כאַפּן.
און ווידער די פושקע גענומען האָט קלאַפּן.

האָראַ

מיר האָבן דאָרט קיין האָראַ ניט געטאַנצט.
מיר האָבן דאָרט קיין וועלדער ניט געפלאַנצט.
די וועלדער וואַקסן דאָרט פון זיך אַליין.
פון שטיינער זײַנען דאָרט די פעלדער ריין.

אויב וועגן יענע וועלדער קומט צום וואָרט,
איז האָבן מיר געקאָרטשעוועט זיי דאָרט.
מע האָט אונדז נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טראָט,
אַרומגעצאַמט מיט שטעכעדיקן דראָט.

צו יענע ברייטע פעלדער, צו דעם סטעפּ
שווערע שטיינער האָבן מיר אויף זיך געשלעפּט,
און פון די שטיינער דאָרטן שטעט געבויט,
כּדי צו שטעלן זיך אין אָטשערעד נאָך ברויט.

מיר האָבן דאָרט קיין האָראַ ניט געטאַנצט,
געהאָרעוועט, אויף אַלץ געמאַכט אַ גלאַנץ,
די שויפענצטער פאַרפילט מיט אַלדאָס גוטס,
אין מאַרמאָר די פּאַסאַדן אויסגעפּוצט.

מיר האָבן אויך די שילדן זיי געמאָלט.
פאַר דעם זיי האָבן גאָר ניט שלעכט געצאָלט.
נאָר אָט אין איינעם אין אַ שיינעם טאָג
זיי דינען האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט.

— אײַך ציט, מע זעט נאָך אײַער אויגנגלאַנץ,
אַהין צו, ווו דעם האָראַ־טאַנץ מע טאַנצט! —
און אָנגעהויבן האָבן זיי גאַנץ פֿײַן
פון אומעטום אונדז משלח זײַן.

איז האָבן מיר געענטפערט זיי אַזוי:
— עס האַלט זיך אונדזער בונד בלויז אויף אַ שטרוי,
וואָס איז פֿאַרבונדן אויף אַ קניפּל שרעק.
מיר ווילן לאַנג פֿון אײַך אַהין אַוועק,
ווו ס׳ווערן ווילדער אייגענע געפּלאַנצט —
אַהין צו, ווו דעם האָראַ־טאַנץ מע טאַנצט.

אונדזער סאָסנע

מיר האָבן אַן אייגענעם סאָרט סאָסנע,
וואָס הייסט „ירושלימער סאָסנע״.

פון סאָסנעס דאַרינקע אַ שיטערינק געזעמל.
אין אַט דעם „וואַלד״ מיט פריינט איך בין געקומען.
דו זע! אַ הייפל גראָז. און אַט איז דאָ אַ שוועמל.
עס האָט דער פּאַפּאַראַט אַ פּניאַק אַרומגענומען.
און ערגעץ ווו מע הערט אַ שישקע פאַלן, —
ווי אין אַ סאָסנע־וואַלד אין אַ „נאָרמאַלן״.

מיר האָבן אויסגעשפּרייט אַ טוך מיט צוויטן,
און פאַר אַ טיש — אַ צייטונג־בלאַט פון אויבן.
מיר האָבן אָפּגעפּראָפּט אַ פלאַש מיט וויין מיט רויטן —
און גלייך פון אַ „לחיים״ אָנגעהויבן.

ס'איז פול דאָ פּיקניקירנדיקע יידן
פון אַלע עקן וועלט. אויך מיר בתוכם.
אויף איינעם פון די סוקלעך די ניט הויכע
אַ טשוויטשער האָט צעצוויטשערט זיך צעפרידן.

די זון האָט צום זעניט גענומען שטייגן
און אָנגעהויבן שטאַרקער נאָך צו בראָטן.
עס פלייסיקט זיך איעדער פּיצל צווייגל
אַוועקצוגעבן דיר זיין שטיקל שאָטן.

פאַרשטייט זיך, אַז די סאָסנע פון פּאָליעסיע
(אַ קאַנט אין רייסן, ווו איך בין געבאָרן) —
איז צווייגהאַפטיקער, וווּקסיקער און גרעסער.
די וועלדער ווו זיי וואַקסן הייסן „באָרן״.
ניט אַדורכצוגיין זיי, ניט אַדורכצופאָרן,
דער שאָטן דאָרט — כאָטש שנייד אים מיט אַ מעסער.

דאָ דאַרף מען אין די וואָרצלען קענען גלויבן.
צונויפלעבן זיך מיט דער היץ דער מלאָסנער.
איז, ווי געזאָגט, מיר האָבן אָנגעהויבן
פון אַ „לחיים" פאַר דער היגער סאָסנע.

„באַביע ליעטאָ"[1]

איצט איז דאָרטן באַביע ליעטאָ —
אַ געפּלאַקער פון קאָלירן,
פּרוּווסט אַ קליאָנען־בלאַט אַ גלעט טאָן,
צי אַ לאָזע־רוט באַרירן —
אין דעם פלאַקערפלאַם דעם לינדן
ס'דאַכט די האַנט קענסט אונטערצינדן.

אָט די באַביע־ליעטאָ־פאַרבן
אויף די לאַנען, אין די באָרן,
איידער ס'נעמט דער זומער שטאַרבן,
איידער ס'ווערט דער האַרבסט געבאָרן, —
ס'האָבן איך אַרײַנגעזויגן
נאָך פון קינדווײַז מײַנע אויגן.

די פאַרכישופטע קאָלירן
פון די וועלדער, פון די לאַנען
אָפּגעגליקט האָט צו דערשפּירן
אונדזער גרויסן לעוויטאַנען,
זיי זײַנען געווען זײַן גורל,
זיי אָבער האָב איך פאַרלוירן.

איצט איז דאָרטן באַביע ליעטאָ —
ווו געווען איז מײַן געטאָ.

---

1 באַביע ליעטאָ — ווערטלעך — ווײַבערישער זומער.
אַ שיינער, וואַרימער האַרבסט.

נאָסטאַלגיִע

ניט אַיעטוועדעס וואָרט
איז מיר בלוטיק נוגע,
נאָר וואָס וועט זײַן פּאָרט
מיט דעם וואָרט „נאָסטאַלגיִע״?

און אַ סוף, אומדערמיד
רק מיך רײַסט בײַ די פּאָלעס,
אַז צו מיר אין מײַן ליד
אַרײַנלאָזן כ׳זאָל עס.

— זאָג, וואָס דאַרפסטו דאָרט, וואָס? —
כ׳האָב צום וואָרט זיך פאַרבויגן,
נאָר בײַ אים יעדער אות
מיט אַ טרער איז פאַרצויגן...

— זע דו וויינסט גאָר? — איך זאָג —
און נעם ווישן די טרערן...
אין דער שויב דער פאַרטאָג
האָט פאַרלאָשן די שטערן.

ס׳האָט דער אויפגאַנג באַמאָלט
אַלע שטיינער די גראָווע.
ווי געגאָסן פון גאָלד
איז דער כּותל מערבֿי.

ס׳גייט צו שחרית אַ ייִד
אין דער שעה אין דער פריִער.
אויך מיט אים גייט מײַן ליד,
וואָס איז פול נאָסטאַלגיִע.

דאָס פּאָרל אונטער דער פּאַלמע

זיי האָבן, נאָך גאָרנישט ניט האָבנדיק,
די האָראַ די ערשטע געטאַנצט דאָ.
דעם דונאַם דעם ערשטן צעגראָבנדיק,
די פּאַלמע די ערשטע פאַרפלאַנצט דאָ.

ס'איז מענטשן געוועזן דאַן ווייניקלעך
אין יענע חלוצישע יאָרן.
און איצטער פון זייערע אייניקלעך
זיי האָבן דעם חשבון פאַרלאָרן.

קיין זכר פון יענע מעת־לעתן שוין
מיט בענקשאַפט נאָך היימען פאַרלאָזטע.
זיי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן שוין
די רוסישע ווײַסע בעריאָזקע.

דאָ, אונטער דער פּאַלמע דער דאָזיקער,
ווי אונטער אַ שירעם אַ ברייטן,
אין וואַרעמער ווייכקײַט אין גראָזיקער
זיי נעמען אַ רעדנע צעשפּרייטן.

זיי זיצן אויף איר אין די אָוונטן
פאַרטאָן אין אַ טראַכטן אַ טיפן.
די שײַן פון די שטערן די נאָענטע
מיט אייביקײַט טוט אויף זיי טריפן.

דרײַ ייִדן

אַזאַ חמסין — דו אָטעמסט קוים,
די לופט — ווי זי וואַלט זידן.
אין שאָטן פון אַ באָקסערבוים
זיך קילן אָפּ דרײַ ייִדן.

ווי גוט איז ליגן אויף דער פרײַ
אין גראָז דאָ אויסגעצויגן!
ס׳האַלט יעדערער פון אָט די דרײַ
אַ צײַטונג פאַר די אויגן, —

אַן ענגלישע, אַ רוסישע,
די דריטע — אויף רומעניש.
דער בוים, אַ שטאַרק צעשורשעטער,
באַנעמען דאָס ער קען נישט:

דו זע, צו אַלדע גוטע יאָר, —
ער הערט נישט אויף צו שטוינען —
דרײַ ייִדן זאָלן האָבן גאָר
דרײַ אַנדערע לשונות!

נאָך איידער ער איז דאָ געווען
מיט באָקסער־פרוכט באַשאָטן,
פיל ייִדן האָט ער שוין געזען
אין זײַן געדיכטן שאָטן.

געלייענט האָט מען, אָנגעשפּאַרט
אָן זײַנע זײַטן קילע,
דעם „מעריב” און דעם „דבר”,
און אויכעט דעם „על המשמר”,
דעם „קול העם” אַפילו.

אויף איינער און דער זעלבער שפּראַך
גערעדט האָט מען, געלעזן,
נאָר אָט אַזאַ מין מאָדנע זאַך —
ער שווערט זיך מיט זײַן גרינעם סכך —
איז קיין מאָל ניט געוועזן!

דרײַ צווײַגן פונעם זעלבן שטאַם,
און אָט אַזוי פאַרשידן!
עס מוז נישט גרינג זײַן מן הסתם
די דאָזיקע דרײַ ייִדן...

און דאָ —
אַ ווינטל, אויסגעבריט
אין די חרמונער שנייען,
צו לויפן קומט מיט שטילע טריט
און מיט די בלעטער אויף עברית
אויף זיי גענומען ווייען.

בײַ אונדז איז איצט ווינטער

עס רעכנט זיך, איצטער איז ווינטער.
וווּ זײַנען די שנייען, די פרעסט?
די פּאַלמע, זי שטייט אַ צעגרינטע,
דער פויגל פאַרלאָזט ניט זײַן נעסט.

אַפילו דער פילבאַרער טאָפּאָל
בלויז עטלעכע בלעטלעך פאַרלירט.
און ניט ווי אין שטעטעלע קאָפּיל
אַ טאָפּאָל אַ הוילער איצט פרירט.

דאָ מאַכט זיך, אַט הויבט אָן צו שנייען,
און ס׳גנבעט אַרײַן זיך אַ קעלט,
די שנייעלעך דרייען זיך, דרייען,
נאָר באַלד אויף דער זון זיי צעגייען,
און ווידער אַ ליכטיקע וועלט!

אוי, רוסישער ווינטער! ס׳קאָן קיינער
ניט זאָגן, אַז דו ביסט אָן חן.
נאָר מיר איז אַרײַן אין די ביינער
פון שנייִקע וויוגעס דאָס ווייִנען,
פון וועלדער דאָס וועלפיש געוויין.

אַ שניי אין ירושלים

דער שניי האַלט אין שיטן און שיטן,
ווי געגנדז אין דער הייך וואָלט מען פליקן, —
כאָטש זעץ זיך אַרײַן אין אַ שליטן
מיט פּאַסיקעס אײַזן געקאָוועט,
און לאָז זיך דורך גאַסן און ליקן
אין אַלטשטאָט צום כּותל מערבי.

די טראָיקע, די רוסישע טראָיקע,
זי טראָגט זיך נאָך אַלץ, כּי ידוע.
ביז איצט נאָך אין מיר איז זיך נוקם
דער שליאַך, וווּ צו פוס כ'בין געגאַנגען,
דאָס גלעקעלע אונטער דער דוהע
און פון דעם יאַמשטשיק די געזאַנגען.

זײַ מוחל מיר, כּותל, דו גרײַזער —
פאַרטראַכט כ'האָב אַזאַ מין געשיכטע —
אַן אויסערגעווייגלעכע רײַזע
צו דיר אין אַ רוסישן שליטן!
ס'איז שולדיק דער שניי דער געדיכטער,
וואָס האַלט אין איין שיטן און שיטן...

אַ לעבן האָסטו אויסגעפּעלט מיר

צו שפּעט בין איך צו דיר געקומען
דאָ אויפצושטעלן מײַן געצעלט.
עס האָבן וויוגעס און סאַמומען
צו דיר דעם גלײַכן וועג פאַרשטעלט.

נאָר פאָרט האָב איך זיך דורכגעריסן, —
ווי פונעם וואָלקן יענער בליץ,
וואָס וויל פון קיין שום זאַך ניט וויסן, —
דעם וועג מיט פײַער דורכגעקריצט.

אַ לעבן האָסטו אויסגעפּעלט מיר.
מײַן צײַט כ׳האָב אויסגעשעפּט כּמעט...
איז גיב זשע מיר אַ יונגע עלטער, —
אַן אַלטע יוגנט כ׳האָב געהאַט.

מיר האָבן פאַרזייט אַ גאָרטן

אַזוי גוט אויף דער נשמה

טרעפט אַמאָל בײַ דיר: ניטאָ מער
אויפֿן קאָפּ קיין שווערע זאָרגן.
גוט אַזוי אויף דער נשמה
ווערט בײַ דיר פֿון דעם פֿרימאָרגן,
וואָס זאָגט אָן אַ טאָג אַ גוטן
אָן אַ פּגימהלע לחלוטין.

לויפֿסט אַרויס אין דרויסן מונטער,
אויף אַ זײַט פֿאַרדרייסט דאָס היטל,
בײַ דער ווערבע — אַ שפּרונג אונטער
און ברעכסט אָפּ פֿון איר אַ ריטל,
דורכן פֿויסט אַדורכגעצויגן, —
און די בלעטלעך — אָפּגעפֿלויגן.

לאָזט זיך גיין לענגאויס די פּלויטן.
אַלץ איז וווּנדערלעך און פּשוט.
מיט דעם ריטל צונטער־רויטן
שמײַסטו זיך אין דער קאַלאָשע.
ס'איז דאָס שטעגל אויסגעטראָטן,
פֿון דער זײַט גייט נאָך דײַן שאָטן.

גיי ווייס

עס איז דיר אויסגעקומען ווען
אין וואַלד ערגעץ, צי אויף אַ לאָנקע
ביז מיד ווערן אַרומצובלאָנקען,
דערנאָך —
זיך אויסזוכן אַן אָרט
צי אינעם גראָז, צי אינעם מאָך,
און זיך אַ וואַלגער געבן דאָרט,
אונטערן קאָפּ פאַרלייגט די הענט,
דאָס פּנים אויף אַרויף געווענדט?

אַן אויסגעצויגענער אַזוי,
דו ליגסט און קוקסט אין הימל־בלוי,
און ס׳גייט דיר קיין שום זאַך ניט אָן,
האָסט פון דער וועלט זיך אויסגעטאָן.

עס הייבן אָן פון זיך אַליין
די אויגן־לעדעלעך זיך שליסן,
די גאַנצע וועלט, פאַרמישט אויף זיסן,
נעמט אינעם זונען־גאָלד צעגיין.

דו ליגסט.
דו טוסט זיך ניט קיין ריר,
נאָר עפּעס פּילסטו קריכט אויף דיר...
טוסט מיט דער האַנט אַ שאַר אַראָפּ
און ווידער לייגסט אויף איר דעם קאָפּ.

און אָט אַזוי־אָ נאָכאַנאַנד —
אַ צי די האַנט,
אַ צי די האַנט, —
ביז ס׳ווערט דײַן אויפגערעגטקײַט גרויס,
ביז פון די כּלים גייסט אַרויס,
גיסט אַ שפּרינג אויף,
דאָס אָרט פאַרלאָזסט. —
אויף אַ פאַרטײַעטן מוראַשניק
געלייגט זיך האָסט.

מײַן לאַמטערנדל

כ׳זע ווי איצטער פֿאַר די אויגן:
פֿונעם העפֿט אַרויסגעכאַפּט,
יענעם צווייענדיקן בויגן,
וואָס כ׳האָב קונציק אויסגעבויגן
און מיט בוימל דורכגעזאַפּט.

יענעם קאָליער כ׳זע דעם בלאָוון
פֿון די רונדע דעקלעך צוויי,
וואָס פֿון אַ קאַרטאָנען־טאָוול
אויסגעשניטן האָב איך זיי.

כ׳זע דאָס הענטל (פֿון אַ דרעטל)
צוגעבונדן מיט שפּאַגאַט...
מײַן לאַמטערן אינעם שטעטל
האָט אַזאַ מין שם געהאַט!

דער פּאַפּירענער לאַמטערן,
וואָס איך האָב אַליין געמאַכט
האָט געלויכטן ווי אַ שטערן
אין דער חשוונדיקער נאַכט,

ווען געגאַנגען כ׳בין פֿון חדר
דורכן געסל, שוואַרץ ווי טינט.
אויסצולעשן אים כּסדר
האָט געסטאַרעט זיך דער ווינט.

אומרחמנותדיק ער האָט אים
אומגעהוידעט הין און קריק
און געשפּריצט אויף אים מיט בלאָטע,
און דאָס פּלעמעלע געשטיקט.

נאַכט מיט שאָטנס מיט געדיכטע,
קרומע פּלויטן, טויבע ווענט...
נאָר דאָס דינינק חלב־ליכטל
אויף צו להכעיס האָט געברענט!

פאַרוואָס פאַלן שטערן

אָט דאָס וואָס מיר רופן „שטערן” —
דאָס זיַינען פון הימל די קנעפּ,
אויף וועלכע מע האָט אים פאַרקנעפּלט,
ניט פאַלן ער זאָל אויף די קעפּ.

דער שניַידער, וואָס צוגעניייט האָט זיי,
האָט, קאָנטיק, געאַרבעט מיט קאָפּ.
נאָר דורך איז אַ שפּאָר ביסל יאָרן,
און אַלץ מיט דער ציַיט נוצט זיך אָפּ.

די קנעפּלעך זיך האָבן צעבאָמבלט,
די פאָדעם געוואָרן שוין אַלט.
ריַיסט אָפּ זיך פון הימל אַ קנעפּל —
מיר מיינען — אַ שטערן פאַלט.

אויס חדר

פון חדר מיט אַ שׂמחה כ׳קום צוגיין,
כ׳זאָג אָן די בשׂורה — מ׳האָט פאַרמאַכט דעם חדר!
די באָבע האָט געכאַפּט אַ שטיקל וויין
און טוליעט מיך צו אירע ברייטע קליידער.

דערפרייען האָב איך אַלעמען געמיינט,
נאָר ס׳לאָזט זיך אויס, די שׂמחה איז אַ קליינע.
אַ רגע כ׳בין געשטאַנען ווי פאַרשטיינט,
ביז איך האָב אויכעט אָנגעהויבן וויינען.

כ׳געדענק דער באָבעס פאַרטעך — זײַן קאָליר,
כ׳געדענק ווי זי האָט מיר געווישט די טרערן,
און אירע שטילע ווערטער: — וויי איז מיר,
זיי ווילן, זיאַמקע, אַז אַ גוי זאָלסט ווערן...

און טאַקע, ווער וועט לערנען מיך אַצינד,
ווי וועל איך איצט דעם קמץ־אַלף וויסן?
כ׳געדענק ווי ס׳האָט געקלאַפּט אין שויב דער ווינט,
וואָס האָט אין דרויסן וועלטן אײַנגעריסן.

די משפחה באָדט זיך

דער קאַטשער אַרײַן איז דער ערשטער אין טײַך.
די קאַטשקע נאָך אים האָט געלאָזן זיך גלײַך.
נאָך זיי — אַלע זיבעצן קאַטשקעלעך.

דער קאַטשער אין שנאָבל וואַסער נעמט אָן.
די קאַטשקע האָט תיכף דאָס זעלבע געטאָן.
נאָך זיי — אַלע זיבעצן קאַטשקעלעך.

דער קאַטשער, ער האָט זיך געשטעלט אויפן קאָפּ.
די קאַטשקע די זעלביקע חכמה טוט אָפּ,
נאָך זיי — אַלע זיבעצן קאַטשקעלעך.

דער קאַטשער, די קאַטשקע פאַרהייבן די קעפּ.
נאָך זיי אויפן וואַסער אַ ווינקל זיך שלעפּט
פון זיבעצן געלינקע קאַטשקעלעך.

— קריאַק־קריאַק! — מאַכט דער קאַטשער, דאָס פּרוּווט ער זײַן שטים.
— קריאַק־קריאַק! — חזרט איבער די קאַטשקע נאָך אים.
נאָך זיי — אַלע זיבעצן קאַטשקעלעך.

די קאַטשקעלעך וואָלטן געפּליושקעט זיך נאָך,
נאָר ס'טוט מיט די פליגלען דער קאַטשער אַ פּאָך, —
דאָס הייסט, ס'איז גענוג שוין צו באָדן זיך.

דער קאַטשער דער ערשטער אַרויס איז פון טײַך.
די קאַטשקע נאָך אים האָט געלאָזן זיך גלײַך,
נאָך זיי — אַלע זיבעצן קאַטשקעלעך.

און אַלע האָבן זיך גענומען אָפּטרייסלען.

דער עפּל־באַרנבוים

דער בוים,
וואָס טוט אונדז עפּל ברענגען,
הייסט ביי אונדז אַן עפּלבוים.
דער בוים,
אויף וועלכן באַרן הענגען,
הייסט ביי אונדז אַ באַרנבוים.

עפּל האָבן שטענגלעך,
באַרן האָבן שטענגלעך.
עפּל זיינען רונדע,
באַרן זיינען לענגלעך.

באַרן זיינען לענגלעך,
עפּל זיינען רונדע,

וואַקסן זיי באַזונדער.
וואָס זשע איז דער וווּנדער?

אַט אַזוי איז איינגעשטעלט
שוין פון אייביק אויף דער וועלט.

דאַרף זיך מאַכן, אַז מע האָט
מיך נאָך אויבסט געשיקט אין סאָד.

כ׳האָב אַ קוישעלע גענומען
און אין סאָד בין איך געקומען.

מיט אַ מאָל איך זע אַ בוים, —
כ׳גיי אײַך דאָ ניט נאַרן, —
עפּל וואַקסן אויפן בוים
אויסגעמישט מיט באַרן!

אָט דער עפּל־באַרנבוים
לייגט זיך אויפן שׂכל קוים.

אויב אַזוי, קען זײַן אַ בוים,
וואָס זאָל הייסן ווײַנשל־פּלוים.

אויב אַזוי, איז קען מען האָפן,
אַז עס זאָל אַ ציבעלע
זאַלבענאַנד מיט אַ קאַרטאָפל
וואַקסן פון איין גריבעלע.

צי אַ קנאָבל מיט אַ כריין
פון איין וואָרצל זאָלן גיין.

צי אַ בורעק מיט אַ רעטעך...
טראַכט נאָך ווײַטער צו, איך בעט אײַך,

ווײַל איך האָב קיין צײַט ניט, ווײַל
מיט די אויבסט אַהיים איך אײַל.

דער הימל

די מאַמע פאַרקערן גענומען
דעם פּריפּעטשיק האָט מיט אַ פליגל.
אַ זאָג געטאָן האָט זי פאַראומערט:
— עס פאַלן פון הימל די ציגל.

דערהערט עס — ווי פּייל אויסן בויגן
האָב איך זיך געלאָזן אין דרויסן —
געוואָלט מיט די אייגענע אויגן
אַ קוק טאָן דעם װוּנדער דעם גרויסן.

מײַן פּנים — דעם הימל אַנטקעגן.
איך שטיי און איך פריר בײַ די שטאַלן.
פון שטערן — אַ גאָלדענער רעגן —
אַ ציגל כאָטש איינער זאָל פאַלן!

וואָסי, כ׳זאָל דער מאַמען ניט גלויבן?
איך קוק אינעם שטערן־געווימל...
גיי ווייס, אַז אין אויוון דער אויבן
איז אויכעט אַ הימל.

אונדזער באָבע

חוץ דעם וואָס די באָבע געוועזן איז
אין שול ביַי די ווײַבער אַ זאָגערן,
חוץ דעם וואָס די באָבע געוועזן איז
אויף אַלע לוויות אַ קלאָגערן,
חוץ דעם וואָס זי פלעגט פאַר אונדז שטריקן
וואָלענע הענטשיקעס גראָבע, —
געוועזן איז אַ קהלשע גבאיטע
אונדזער גאָלדענע באָבע.

און דאָס איז ניט אַלץ, ווײַט ניט אַלץ נאָך —
ס׳איז דאָ נאָך וואָס איבערצורעכענען.
זי איז נאָך געוועזן אַ הויב־אַם,
אַ סאַרווערן און אַ פירשפּרעכערן,
זי פלעגט אויף די אָרעמע חתונות
אין אַ מיצווה־טענצל זיך לאָזן,
חוץ דעם פלעגט אונדז היילן די באָבע
מיט שמירעכצן און מיט גראָזן.

און אויב אָט דאָס אַלץ איז איַך ווייניקלעך —
געוועזן איז נאָך אונדזער באָבע —
אַ באָבע פון זיבעצן אייניקלעך.

דער שענסטער מנהג

בײַ אונדז איז געווען דער מנהג דער שענסטער:
באַגינען אַ קלאַפּ טאָן צו יענעם אין פענצטער,
און גלײַך דורך דער שויב, וואָס זיך האָט נאָך געוואָרגן
מיט חשכות, אַרײַנשרײַען הויך אַ „גוט מאָרגן".

און אויסער דאָס אָנקלאַפּן מיט אַ „גוט מאָרגן",
אַן אָנקלאַפּן זײַן פלעגט אויף עפּעס צו באָרגן,
אויף עפּעס צו בעטן, אויף עפּעס צו זאָגן,
דאָס קלאַפּן פלעגט כּלערליי מיינען פאַרמאָגן.

אַ קינד איז געבוירן, אַ חתן אַנטלאָפן,
אין פעלד האָט דעם פּאַסטעך אַ דונער געטראָפן,
אַ ביסעלע העכער די האַנט אויפגעהויבן —
מע קלאַפּט און מע פּיקט און מע שנעלט אין די שויבן.

געווען יעדע טאַפּליע איז ווי אַ מעמבראַנע,
אַלץ האָבן די פילבאַרע פענצטער פאַרשטאַנען.

...די פענצטער זיי זענען שוין לאַנג אויסגעצאַנקטע,
אין זיי ניט אַרײַנלײַכטן וועט שוין דער טאָג...
צו אָנקלאַפּן יענעם אין שויב ווי דערלאַנגט מען,
אַז לעבן ער לעבט אויף אַן אויבערשטן שטאָק?

מע לערנט זיך

די בלאָטקעלעך ווי שפּיגעלעך,
זיי שפּיגלען אָפּ ווי שפּיגעלעך
די וואָלקנדלעך וואָס בלאָנקען.

אַ טשערעדע מיט ציגעלעך,
מיט זויבער ווײַסע ציגעלעך,
זיך פּיטערט אויף דער לאָנקע.

די לאָנקע ציט זיך צו דעם פּלויט,
זי איז פון באַרג ביז אונדזער פּלויט
אין קווייטן אַ פּאַרפּוצטע.

צוויי ציגעלעך פון העלער הויט,
גענומען און פון העלער הויט,
זיך אָנגעהויבן בוצקען.

זאָל זײַן ביי זיי כאָטש הערנערלעך,
אַ סימן כאָטש פון הערנערלעך,
בײַ אָט די קליינע ברעקלעך.

דערווײַלע נאָר זיי לערנען זיך,
צו בוצקען זיך זיי לערנען זיך,
ווײַל זיי זענען בעקלעך.

און ווען זיי וועלן ווערן בעק —
זיי וועלן בוצקען זיך — אַ שרעק!

אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש

צוי דען בין איך ערגער פון לייזערקע גיטלס?
ער גייט אין אַ הוט, און איך — אין אַ היטל...

און כ׳טו מיר אַ טראַכט אויף אַזאַ מין סאָרט אופן:
פאַר וואָס זאָל איך טאַקע קיין הוט זיך ניט קויפן?

איך בין, דאַנקען גאָט, שוין אַרייַן אין די יאָרן.
איך בין נאָך פאַר דרייַ יאָר בר־מצוה געוואָרן.

כ׳בין צווישן די בלעכער שוין מער ניט קיין גרינער,
איך בין שוין געוואָרן אַליין אַ פאַרדינער.

אין קלייט, וווּ מען האַנדלט מיט היט, כ׳בין געקומען —
און מעסטן אַ הוט פאַרן שפּיגל גענומען.

כ׳האָב אָנגעטאָן איינעם — אַ קאַפּעלע גרויס, —
אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש — כ׳זע אין אים אויס.

אַ צווייטן, אַ גרינעם, פון האָריקן סאַמעט,
געמאַכט פון מיר האָט ער אַ מין סאָרט מלמד.

אַ דריטן — מיט שמאָלינקע ראַנדן, אַ ברוינעם —
אין אים זע איך אויס ווי אַ שלעגער פון בוינע.

אַ פערטן — איך האָב שוין געמיינט, אַז עס פּאַסט זיך,
נאָר ענלעך געוואָרן בין איך צו אַ פאַסטעך.

דער פינפטער — אַ האַרטער, ממש אַ בלעכענער,
אַזוי ווי אַ פייַג בין איך אונטער אַ דעכעלע.

אַ זעקסטער, אַ צענטער, מן־הסתם, שוין אַ הונדערטסטער...
אין שפּיגל — אַ צורה אַ נאַריש־פאַרוווּנדערטע.

לייזערקע גיטלס — פערדישער קאָפּ!
גאָר שלעכט איז אַ היטל — פון אויבן אַ קנאָפּ...

ביטערגראָז

בײַ אונדז פּאָלין הייסט ביטערגראָז.
ווי הייסט פּאָלין בײַ אײַך?
מיר זײַנען מיט דעם ביטערגראָז
געווען קורח־רײַך.

געהאַט האָט אונדזער ביטערגראָז
אַ ריח — גאָט באַהיט!
ער פלעגט אַ זעץ טאָן דיר אין נאָז,
און ווי עס וואָלט אַ שפּליטער גלאָז
די אויגן טאָן אַ שניט.
אַ גאַנצן טאָג מיט קאָפּווייטיק
פלעגסטו אומגיין — פרעג שוין ניט!

ראָמאַשקע הייסט רומיאָנעקל
בײַ אונדז. און ווי בײַ אײַך?
מיר זיינען מיט רומיאָנעקלעך
געווען קורח־רײַך.

געשמעקט האָבן רומיאָנעקלעך
(די קראַגעלעך ווי שניי)
מיט פּורימדיקע האָניקלעך
געקנאָטן אויף אַן איי.
נאָר קיינער האָט זיי ניט געדאַרפט —
ניט רײַסן פלעגט מען זיי.

דאָס ביטערגראָז דער עיקר נאָר
גערייסן האָבן מיר,
די דרענגלעך דינע, דיקערע,
גערייסן אָן אַ שיעור,
און אונטער די סעניקעס גאָר
אים אויסשפּרייטן, כּדי
עס זאָלן פון אים חלשן
די בייַסנדיקע פליי.

שוויַיגעניש

אין טײַך די רויטע זון דערברענט,
און איבער איר — מיר שטייען.
אַן בריק־פּאַרענטש זיך אָנגעלענט, —
מיר זײַנען דאָ אין צווייען.

אַ ווינטל האָט דעם טײַך צעקאַרבט,
זײַן גלאַטן וואַסער־אָנדעק.
אַ וואָרף האָט זיך געטאָן אַ קאַרפּ,
און גלײַך נאָך אים — אַ סאָנדעק.

דאָס זעלבע ווינטל האָט געבראַכט
אַ צאָקען פון אַ רײַטער.
מיט קלאַנגען פול איז דער פאַרנאַכט,
מיט נאָענטע און ווײַטע.

די זון טריפט אויס מיט רויטן גאָלד,
דער הימל ווערט אַלץ בלאַסער...
און זי, ווי אָנגעמען זי וואָלט
אַ פולן מויל מיט וואַסער.

— וואָס שוויַיגסטו? — טוט זיך מיר אַ טראַכט,
און ס'נעמט בײַם האַרץ מיר נאָגן.
עס רעדט דער טײַך, עס רעדט די נאַכט —
און כ'האָב ניט וואָס צו זאָגן...

אַ יויך

ס׳האָט דער וואָלקן אָנגעבראָקט שוין
פונעם רעגן לאַנגע לאָקשן.

אויף די בלעטער — טויען, טויען,
פונקט ווי פּאַרפּעלעך ווי בלויע.

אויף דער אָזערע דער רונדער
שווימט אַ גאָנער, שווימט באַזונדער.

נעמט די זון פון אויבן באַקן, —
קאָכט אַ יויך אַזאַ געשמאַקע

פונעם וואַסער מיטן גאָנער,
וואָס „גאַ־גאַ" נאָר מאַכן קאָן ער.

זאָגט, מיט וואָס די יויך פאַרוואָרפן —
צי מיט לאָקשן, צי מיט פאַרפל?

דאָס ציגעלע

עס פּיטערט זיך אַ ציגעלע
אַזאַ אין ירדן־טאָל,
וואָס איז אונטער מײַן וויגעלע
געשטאַנען שוין אַמאָל —

אונטערן קינדס וויגעלע,
צו שטילן זײַן געוויין.
נאָר וואָס זשע, מילך אין קריגעלע
פלעגט עס ניט געבן, ניין!

אונטערן קינדס וויגעלע —
דאָס זעלבע, איך דערקען! —
נאָר וואָס זשע, כ'האָב דאָס ציגעלע
קיין איין מאָל ניט געזען.

כ'זאָל אָנקוקן דאָס ציגעלע
איז ניט געווען באַשערט.
כ'פלעג ליגן אַן אַנטשוויגענער
און אַלץ זיך צוגעהערט,

ווי ס'פלעגט דער ווינט בײַ סאַמע טיר
פאַרגיין זיך אין געוויין,
און ווי עס האָט די מאַמע מיר
געזונגען אַזוי שיין:

„דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
דאָס איז די בעסטע סחורה.
זיאַמעלע וועט לערנען תורה".

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
אויף מיר אַזאַ מין יאָר!
נאָר ס'ציגעלע פאַרוואַנדלען
אין אַ הענדלער גאָר?...

און דאַרפן זאָל עס וואַנדלען
ווו נאָר אַ וועג, אַ שליאַך —
ס'איז אויף דער וועלט פאַראַן דען
אַזאַ מין קרומע זאַך —
ווען אויף די פרעמדע שליאַכן
וועלף כסדר וואַכן?

ווי קאָן מען לערנען תורה,
דער קאָפּ זאָל זײַן דערבײַ,
אַז שטענדיק האָסטו מורא
פאַר יענער מערדערײַ,

וואָס לויערט אויף דעם ציגעלע
אויף יעדן טריט און שריט,
און אויך אויף יעדן וויגעלע,
ווו ס'וויגט זיך נאָר אַ ייִד.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
איך האָב זיי בלויז פאַרזוכט...
דאָס ציגעלע בײַם וויגעלע
אַ לעבן כ'האָב געזוכט.

וואָלסט געזונגען אונדז

דער זינגערין ראָזע פּלאַטקין ז״ל

שטאַרב ניט, שטאַרב ניט, רייזעלע!
זײַ מיט אונדז דאָ ווידער.
זאָג, אויף וועמען, רייזעלע,
לאָזסטו דײַנע לידער?

ווער ווי דו וועט, רייזעלע,
אויסזינגען אונדז קאָנען
פון דער מחותנתטע
מיט די מחותנים?*

ווער וועט נאָך אַזוי ווי דו
מאַמעדיק פאַרוויגן
אָט דעם קליינעם יאַנקעלע
מיט אַ שיינעם ניגון?**

וואָס וועט מיט די פּיקערס זײַן
אויפן קאַרשן־צווײַגל,
ווען עס וועט דאָס פידעלע
בלײַבן בײַ דיר שווײַגן?***

שטאַרב ניט, שטאַרב ניט, רייזעלע!
זאָל דיר ווערן גרינגער.
ווילסטו, כ׳וועל דיר אָנשרײַבן
נאָך אַ ליד צום זינגען.

---

* אַ פאָלקסליד.
** געבירטיקס אַ ליד.
*** קוויטקאָס אַ ליד.

דאָס ווערט זײַן אַזאַ מין ליד —
זאָג נאָר צי ס׳געפעלט דיר. —
ס׳איז געווען אַ שטעטעלע
אין די מינסקער וועלדער.

דאָרטן האָט געלעבט אַ שמיד
שוואַרץ ווי אַ ציגײַנער.
און געווען זײַנען בײַם שמיד
זיבן מוידן פײַנע.

איינע צווישן אַלע זיי
איז געווען די שענסטע.
וועמען פון זיי מיין איך דאָ
אפשר טרעפן קענסטו?...

ווזקסיק, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ,
און די אויגן קאַרע.
אַלע פלעגן אויף דער גאַס
מאַכן איר אַ וואַרע.

אײַ האָט זי געהאַט אַ שטים!
אײַ האָט זי געזונגען!
אויסגיין פלעגן זיי נאָך איר,
די שטעטלדיקע יונגען.

נאָר עס האָט דער מויד פון זיי
קיינער ניט געפעלן...
וואָלסט געזונגען אונדז דאָס ליד,
און מיר, מיר וואָלטן קוועלן.

צי איך וואָלט דיר צוגעטראַכט
גאָר אַ ליד אַזאַ מין —
פון דער טאָכטער ביַי דעם שמיד —
שוין אַ יונגער מאַמען,

ווי מע האָט פאַרברענט איר קינד
מיט דער שטאָט אין איינעם...
וואָלסט געזונגען אונדז דאָס ליד,
און מיר וואָלטן וויינען...

שטאַרב ניט, שטאַרב ניט, רייזעלע,
זיי מיט אונדז דאָ ווידער!
זאָג, אויף וועמען, רייזעלע,
לאָזסטו דיַינע לידער?

מיר האָבן פאַרזייט אַ גאָרטן

מיר האָבן פאַרזייט אַ גאָרטן.
אַ גאָרטן? איין בייטל אינגאַנצן
מיט גרינוואַרג פון פּלערליי סאָרטן.
געטאָן אויך אַ באָקסער פאַרפלאַנצן.

נאָר קודם מיר האָבן מיט רידלען
דעם באָדן דעם האַרטן צעגראָבן,
אַוועקגעשטעלט דאָרט אַ סטראַשידלע,
כּדי צו פאַריאָגן די ראָבן.

דעם בלאַט זאָל ניט טאָטשען דער וואָרעם,
די רויפּע — אויף אים זיך ניט וואַרפן,
מיר האָבן זיי פלײַסיק געמאָרעט
מיט עפּעס אַ טאַבעק אַ שאַרפן.

דאָס ווילדגראָז, וואָס קומט אומגעבעטן —
געגנוג זיך אַ ווײַלע פאַרקוקן —
מיר פלעגן אַלץ יעטן און יעטן
ביז ברעכן פלעגט נעמען דער רוקן.

געריכט זיך אויף ציבעלע גרינער,
אויף מערן, אויף אַרבעס אויף זיסן —
די בייט פלעגט מען יעדן באַגינען
מיט וואַסער פון ברונעם באַגיסן.

ווער רעדט נאָך, אַז ס'וועט פונעם באָקסער
אַ באָקסערבוים אויסוואַקסן קאָנען,
אין אונדזערע טעג די פאַרפלאָגטסטע
דעם באָקסערלאַנד זאָל ער דערמאָנען...

מיר האָבן פֿאַרזייט אַ גאָרטן.
איין בייטל אינגאַנצן — זייַן שטח.
נאָר אויסגעוואַקסן איז דאָרטן
בלויז אַ ביטערער רעטעך!

מיך, דעם מענטש

מיך, דעם מענטש פון פעלד און וואַלד,
פון גרינעם ברעג, פאַרשנייטן פליין,
מע האָט אַרייַנגעקוועטשט מיט גוואַלד
אין גלאָז, אין אײַזן און אין שטיין!

מיך, דעם מענטש, וואָס זײַן באַרוף
איז אויף דער ערד דאָ באָרוועס גיין,
פאַרשלײַדערט האָט מען אויף אַרויף —
צו גלאָז, צו אײַזן און צו שטיין!

אַזש צו די וואָלקנס גרייכט מײַן הויז.
— אויף דר׳ערד! — דו בעטסט זיך מיט געוויין.
נאָר קיינעם לאָזט שוין ניט אַרויס
דאָס גלאָז, דאָס אײַזן און דער שטיין...

איך בין אַ קאָנסערוואַטאָר

נו יאָ, איך בין אַ קאָנסערוואַטאָר.
איך זאָג עס קורץ און שאַרף.
מײַן טיש דאַרף האָבן אַ צעראַטע,
מײַן שטענדיק אָרט איך דאַרף.

דאָס אַלטע בענקל טו איך שעצן.
דו זיץ כאָטש אַ מעת־לעת —
אויף דעם דו קענסט אַנידערזעצן
דעם גאַנצענעם געזעס.

איך האָב אים ליב, דעם טיש דעם אַלטן —
די פיס געטאָקט און פעסט.
אויף אים די עלנבויגנס האַלטן
דו קענסט, ווען טרינקסט און עסט.

כ'האָב פײַנט די אויסגעדאַרטע פיסלעך,
וואָס קוים זיי שטייען אײַן.
עס פליעסקעט אויס זיך אַלץ צו ביסלעך —
דאָס עסן און דער ווײַן...

געשיקט כ'וואָלט צו דעם טאַטנס טאַטע —
איך זאָג אײַך ווי עס איז —
די שיינע לידעלעך די גלאַטע
אויף וואַקלדיקע פיס,

דאָס פלאַפלערײַ אָן קיין שום קאָמע,
אָן ריטם און אָן גראַם, —
ס'איז אויסגעפליעסקעט די נשמה,
און אָן אַ ברעקל טעם.

כ׳האָב קיין מאָל ניט געצאָלט קיין ראַטע
דער מאָדע. כ׳האָב עס פּײַנט.
כ׳האָב ליב אַ היימישע צעראַטע, —
נו יאָ, איך בין אַ קאָנסערוואַטאָר —
באַזונדערס — דווקא הײַנט!

מיר נעמט זיך שרײַבן

ווען כ׳גיי אין קלייטל נאָך אַ הערינג,
צי נאָך דעם וועש אין וועשערײַ, —
מיר נעמט זיך שרײַבן אָן שום שטערונג,
און ס׳איז מיר אַזוי גוט דערבײַ.

און אַקוראַט אין סאַמע מיטן
פון רעשיקן קאַליידאָסקאָפּ
געפין איך פון דעם ליד דעם ריטם,
צעשטעל איך אינעם פערז דעם טראָפּ,
און כ׳האָב אַ סטראָפע שוין אין קאָפּ.

ביז וואַנען איך האָב זיך געטאָיקעט
אין קלייטלדיקן טאַראַראַם,
בײַ דער פאַרשמאַלצעוועטער סטאָיקע,
געפּאַקט האָב איך אַ פײַנעם גראַם.

אין וועשערײַ ווען כ׳האָב גענומען
אונטער דער פּאַכווע ס׳פּעקל גרעט,
איז נאָך אַ סטראָפע צוגעקומען,
די גאַנצע ליד צו מיר שוין רעדט.

ס׳צעעפנט זיך פאַר מיר דאָס רחבות
פון אויסגעטרוימטן לידערלאַנד,
ווען כ׳טראָג דאָס וועש אונטער דער פּאַכווע,
ווען כ׳טראָג דעם הערינג אין דער האַנט.

יאַר 1967

אַזאַ פּאַרדראָס

כ'האָב אין געראַמען גראַמען־ים
פון לידער־קעניגרייַך
זיך אַנגעשטויסן אויף אַ גראַם
און אים פאַרלאָרן גלייַך...

ווי ס'טרעפט, אַ ניסעלע (ניט גרויס
איז אייגנטלעך זייַן ווערט)
צעקנאַקסט — און ס'פאַלט פון מויל אַרויס
דאָס יאָדערל אויף דר'ערד...

דער טראַמוויי

עס האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך אַ טראַמוויי.
עס דאַכט זיך מיר, זײַן קלינגען כ׳האָב דערהערט,
ווי ער וואָלט דורכגעלאָפן ערשט פאַרביי
און מיר מײַן ווײַטע יוגנט אומגעקערט.

אָט האָב איך אָנגעהאַנגען זיך אויף אים.
ס׳איז נאָך דער אַרבעט. ער איז אָנגעפּראָפּט.
עס העלפט ניט דעם קאָנדוקטאָרס בייזע שטים, —
איך זאָל ניט הענגען, איך זאָל גלײַך אַראָפּ.

אָט האָב איך זיך אַרײַנגעשפּאַרט אין טיר.
ס׳איז אינעווייניק עטוואָס גרוימער גראָד.
אַ קעפּקע מיט אַ דאַשעקל אויף מיר,
אַ העמדל מיט אַ פּאַסעקל אויף מיר,
און אויף די פּיס די שיך פון „סקאָראָכאָד״.

עס שמעקט פון מיר מיט טואַלעטן־זייף.
„פּאָד פּאָלקו״ אָפּגעשוירן מײַנע האָר.
ס׳מאַכט דער טראַמוויי בײַם מאָנאַסטיר אַ שלייף.
אַהער טאָגטעגלעך פון וואַדקאָווקע כ׳פאָר,
צו פּושקינס דענקמאָל — דעם באַוווסטן אָרט, —
עס טרעפן זיך פאַרליבטע פּאָרלעך דאָרט.

צוריק אַהיים שוין ניט אַליין איך פאָר.
איך פאָר מיט איר. מיר וועלן זײַן אַ פּאָר.

וואַדקאָווסקי געסל

מאָסקווע די הויפּטשטאָט, וואַדקאָווסקי געסל.
אָט איז אויפֿן ראָג אויף צוויי רעדער אַ פּעסל, —
מע האָט שוין דעם ברויט־קוואַס גענומען פֿאַרקויפֿן.
עס קוקט שוין דער פֿרילינג אַרויס פֿון די הויפֿן, —
אַוווּ מיט אַ בוים, וואָס די קנאָספּן צעוויקלט,
אַוווּ מיט צעהאַנגענע גרעט אויף אַ שטריקל,
אַוווּ מיט אַ גראָז, ניט באַטראָטן פֿון קיינעם,
וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון צווישן די שטיינער.

וואַדקאָווסקי געסל, וואַדקאָווסקי געסל.
אָט איז דער הויף, וואָס איך קען ניט פֿאַרגעסן.
אָט איז דער צעבראָכענער הילצערנער טויער,
דער רויטער צווישטאָקיקער קויטיקער מויער,
פֿאַררוקט אין דער טיף צו די בלעכענע שטאַלן,
וואָס זײַנען פֿון אַלטקײַט אויף האַלב אײַנגעפֿאַלן.
דער הויף זאָל פֿאַרמאָגן אַביימל, אַ גרעזל,
דער מויער — ער איז אַ קאַזאַרמע געווען,
ווו ס'האָבן געלעבט פֿון בוטירקע* די וועכטער.
אַצינדער לעב איך דאָרט. אַ שיינער געלעכטער!

וואַדקאָווסקי געסל, וואַדקאָווסקי געסל,
עס הענגט אויף מײַן דיקטענעם טירל אַ שלעסל.
אַהינטער דעם טירל — מײַן גאַנצער פֿאַרמעגן:
אַ פּרימוס, אַ טישל, אַ בעטל אַנטקעגן,
און איבערן בעטל — אַ צוואַנציקער לעמפּל, —
אָט דאָס איז געווען מײַן היכל, מײַן טעמפּל.

---

* בוטירקע — באַרימטע מאָסקווער טורמע.

מײַן צימערל איז דאָ געװען דאָס קלענסטע.
אַרײַן זאָל אַ שטראַלעכל זון כאָטש אין פענצטער —
אַנטקעגן — דרײַ פינצטערע װענט װי אַ ברונעם.
פון דאָרטן, װײַזט אויס, איז די לופט אויסגערונען.

װאַדקאָװסקי געסל, װאַדקאָװסקי געסל.
איך שטײ לעבן טויער. כ׳האָב גאָרנישט געגעסן.
פון לינקס איז דער קלויסטער — ער איז אָן אַ צלם.
די בײמער אַרום זײַנען אַלע שוין הוילע.
פון רעכטס — אַ גערודער פון מאַרינע ראָשטשע,
פון דאָרטן אָן אָסיענדיק װינטל עס בלאָזט שוין.
איך האָב ניט קײן מאַנטל. איך בין אָן קאַלאָשן.
אין קעשענע זײַן זאָל בײַ מיר כאָטש אַ גראָשן.
טאָג אײַן און טאָג אויס אויף דער בירזשע איך שטויס זיך,
באַקומען אַן אַרבעט — ניטאָ איז קײן אויסזיכט.
נאָך אַרבעט זיך זײַנען די שטעטלעך צעפאָרן —
געװען איז דער סוף פון די צװאַנציקער יאָרן.

װאַדקאָװסקי געסל, װאַדקאָװסקי געסל,
צי האָב איך געקענט אויף אַ האָר דיך פאַרגעסן?
אַהער איז געקומען צו מיר אין מײַן „היכל"
מײַן מוזע אַ שעמעװדיקע, אַ בלײכע.
אַהער צו איז רחלע בוימװאָל געקומען.
מיר האָבן זיך דאָ אויף װאַדקאָװסקי געגומען.
צוזאַמען מיט איר צװישן שטעכיקע דראָטן,
אויף שאַרף פון אַ מעסער אַ לעבן געטראָטן.

פיר ווינטן

פיר ווינטן

פון מזרח און מעריב, פון דרום און צפון
פיר ווינטן זיך האָבן צוזאַמענגעטראָפן.
זיי האָבן זיך איינער אין צווייטן פאַרשניטן,
און איך בין אין מיטן.

דעם הימל זיי האָבן מיט רוגזה געבויגן,
אַראָפּ צו דער ערד, ווי מיט שטריק, אים געצויגן,
מיט שטויב און מיט דרויב אַלץ גענומען צעמישן,
און איך בין צעווישן.

אַ דונער די וועלט האָט אויף צווייען צעשפּאָלטן.
אַ בליץ, מיט אַ קראַפט מיט אַ ווילדער פאַרשאָלטן,
אַ וואַלגער געטאָן האָט אַ בוים אַ געזונטן.
און איך בין פון אונטן.

און תמיד — פון אונטן, צעווישן, אין מיטן —
ווו נאָר אַ געפאַר, האָט זי מיך ניט געמיטן.
נאָר אפשר אַ דאַנק מײַן פאַרעקשנטן גלויבן
געבליבן כ׳בין אויבן?

דער מילשטיין

צום אָנדענק פון אורי פינקל

אויף דעם אַלטן ראַקאָווער בית־עלמין
האָט זיך נאָך פון רעטשי פּאָספּאָליטי,
אַזש פון יענער צײַט פאַרהיט אַ קבר.

דאָס האָט ער דעם קבר מיר באַוויזן,
מײַן ידיד, דער שרײַבער אורי פינקל —
פון דער מינסקער שרײַבערשער משפּחה,
ווען איך בין צו אים אַראָפּגעקומען
אין אַן אָסיענדיקן טאָג אַ שיינעם.

כ׳האָב אַ שאָק מיט יאָרן ניט געזען אים —
זינט ס׳האָט אויסגעבראָכן די מלחמה.
אַ שעה דרײַ, אַפילו אפשר מערער,
ציט ער זיך, דער וועג פון מינסק קיין ראַקאָוו
מיט דעם שטאַרק צעפּאָרענעם אויטאָבוס.

פינקל האָט ניט לאַנג מיט דער פאַמיליע
אומגעקערט זיך פון עוואַקואַציע,
ווו ער האָט געבידעוועט די יאָרן.

פון זײַן מינסקער דירה איז פאַרבליבן
בלויז אַ שוואַרצער טאָרטשענדיקער קוימען.
האָט ער זיך געלאָזן דאַן קיין ראַקאָוו
צו זײַן טאַטנס שטוב, וואָס האָט פאַרהיט זיך
על פּי נס פון שׂריפהס און פון באָמבעס.

יענע גרויסע שטוב, ווי אַ סטאַדאָלע,
פון די גרויע האַלב צעפוילטע קלעצער

מיט דעם ברייטן אויסגעקרימטן גאַנעק,
וואָס איז אין דער ערד אַרײַנגעוואָקסן,
יענע אויסגעזעצטע הויכע פענצטער,
וואָס געווען זײַנען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס
און מיט שטיקלעך דיקט „פאַרגלאָזט" געוועזן,
יענער שינדל־דאַך, פון מאָך אַ גרינער
און דער קוימען, וואָס האָט זיך געוואָרגן
מיט אַ רויך אַ שוואַרצן און געדיכטן —
איצטער שטייט דאָס אַלץ פאַר מײַנע אויגן...

כ׳זע דעם הוילן טיש פון פּראָסטע ברעטער
אין דער מיט פון יענער פוסטער סאַליע...
פון די ווענט אומהיימלעכע, פאַרוועלקטע,
הענגען אָפּגעריסענע טאַפּעטן.
בײַ דעם טיש, אין גאַנצן גרוי, זיצט אורי
(ווי ער האָט זיך מוראדיק געעלטערט!)
מיט זײַן אויסגעצערט פאַראומערט ווײַבל
(ווו האָט זיך אַהינגעטאָן איר שיינקייַט?!).
אַ בר־מצווה־ייִנגעלע אַ דאַרינקס
און צוויי שטילע מיידעלעך שוין גרויסע, —
פון די קורצע קאָפּטעלעך די ענגע,
שעמעוודיקע רונדן זיך די בריסטלעך.

אַלע האָבן מיך מיט פרייד געטראָפן,
ווען איך האָב אין שטוב אַרײַנגעשטעלט זיך.
אָבער גלײַך זיי האָבן זיך פאַרלאָרן,
און באַזונדערס זי, די באַלעבאָסטע.
ווײַל ס׳איז פוסט בײַ זיי אין שטוב געווען —
ווי וועט זי מכבד זײַן דעם אורח?

כ׳וואָלט געדאַרפט אַ לעבל ברויט זיי ברענגען,
צי אַ ביסל בוימל, אָדער צוקער.
נאָר אַליין בין איך געווען אויף צרות.

כ׳בין געווען נאָך אין סאָלדאַטסקע בגדים.
אויף די אַקסלען פון מײַן כאַקי־העמדל
האָבן זיך געטונקלט גרינע פלעקן —
די סימנים פון די פעלד־פּאָגאָנעס,
וואָס ניט לאַנג האָב איך אַראָפּגענומען.

פינקל האָט אַ גאַנצענעם פרימאָרגן
מיך געפירט איבערן טויטן שטעטל.
נאָר דאָס אָרט, אַוווּ עס איז געשטאַנען
אויף אַ גרויען בערגל דער בית־מדרש,
איז ער פאַר אַ מײַל אַרומגעגאַנגען...

„אוי, מיר דוכט איך הער נאָך איצט דאָס קלאָגן
פון דער מאַמען מײַנער מיט דעם טאַטן...

אוי, מיר דוכט, איך הער נאָך איצט דאָס שרײַען
פון די שוועסטער און די ברידער מײַנע...

אוי, מיר דוכט, איך הער נאָך איצט די קולות
פון די אייפעלעך, די קליינע קינדער...

אַלע זיי — פאַרברענט אין דעם בית־מדרש.
דער געביין אין שולהויף איז באַגראָבן״.

אורי האָט דאָס אַלץ אַרויסגעיאָמערט
מיט אַ נאָגנדיקן איכה־ניגון.
און פון זײַנע רויטלעך־ברוינע אויגן
האָבן זיך גענומען גיסן טרערן
אויף די שווערע פּרעצישע וואָנצן.

אָט אַזוי איז ער מיט מיר דערגאַנגען
צו דעם אַלטן שטעטלשן בית־עלמין,
וווּ געפונען האָט זיך יענער קבר,
וועגן וועלכן כ׳האָב דערמאָנט אין אָנהייב.

ס׳איז אויף אים געווען אַרויפגעוואַלגערט,
ווי אַ ריזן־ראָד, אַ שאַרסטקער מילשטיין.
— כ׳טרעף דאָס ערשטע מאָל אַזאַ מצבה! —
אויסגערופן האָב איך אַ דערשטוינטער.

אָפּגעווישט די גרויע וואָנצן זײַנע,
האָט גענומען אורי מיך בײַם אָרעם.

— טו אַ קוק, — האָט ער זיך אָנגערופן —
און געטאָן אַ טײַטל מיטן פינגער
אויף די אויסגעקריצטע טיפע אותיות,
וואָס זײַנען געווען שוין היפּש צעקרישלט
פון די בייזע ווינטן מיט די רעגנס.
— פון די אותיות — מאַכט ער — די גמטריא
איז, לויט דעם ווי איצט די צײַט מע רעכנט,
טויזנט פינעף הונדערט נײַן און זעכציק —
אַקוראַט דאָס יאָר, ווען ס׳איז געוואָרן
די מדינה רעטשי פּאָספּאָליטי.

— זיכער כ׳בין, אַז אונטער דער מצבה, —
האָט זײַן קול געגומען ווערן פעסטער, —
ליגט באַגראָבן דאָ אַ ייִד אַ מילנער
פון דער ראַקאָווער קהילה קדושה.
כ׳וועל דערמאָנען אים אין נײַעם ספר,
וואָס איך האָב שוין אָנגעהויבן שרײַבן.
זײַן וועט צו מײַן בוך אַזאַ עפּיגראַף:
„סאַמע שווערסטע מילשטיינער פון צײַטן
זײַנען ניט בכּוח אונדז צעמאָלן".

— — — — — — — — — — — —

פינקל האָט דעם ספר ניט דערשריבן.
אונדז צו לאַנגע יאָר, ער איז געשטאָרבן,
אַ פאַרמאָרדעוועטער, אַ פאַרפאָלגטער.

זײַן עפּיגראַף האָב איך איצט גענומען
פאַר מײַן בוך, אויב איך וועל אים דערשרײַבן...

דער צלם

פאַרבײַ דעם צווינטער אין אַ רעגן,
אַ דורכגעווייקטער, קוים איך גיי.
אַ צלם לויפט אַרויס אַנטקעגן
צום סאַמע ראַנד פונעם שאָסיי.

עס ווילט זיך מיר אויף אים ניט קוקן,
נאָר ער לויפט נאָך מיר פון דער זײַט —
פון הינטן כ׳פיל אים מיטן רוקן
די גאַנצע צײַט, די גאַנצע צײַט...

און שפּעטער, ווען אויפן געלעגער
אַרײַן כ׳בין אין דער חלום־וועלט,
האָט אָט דער צלם אין דער רגע
בײַ מײַן צוקאָפּנס זיך געשטעלט...

נאָר ווי אַזוי איז ער דערלאָפן
אַהער צו מיר, איז ניט באַוווּסט, —
פאַרבײַ די פעלדער פון קאַרטאָפל
איז ער געשפּרונגען אויף איין פוס?

איך גיי אַרויס אַזש פון די כּלים,
ס׳האָט אויפגעוועקט מיך מײַן געשריי.
— — — — — — — — — — —
נאָך איצט מיר חלומט זיך דער צלם,
די שאַרפע שטיינער פון שאָסיי,
און איך אין רעגן גיי און גיי...

ס׳איז ווונדערלעך דער ווינטער

ס׳איז נאַכט, ס׳איז ווײַס, ס׳איז שפּעט, ס׳איז שטיל,
ס׳איז ווונדערלעך דער ווינטער.
נאָר אָט געגעבן האָט אַ ביל
אַ הונט ניט ווײַט פון צווינטער.

עס איז דער ווײַסער שניי אָזש בלאָ.
פינף ביימלעך אין אַ שורה...
דער הונט צוריק אין זײַן קובלאָ
האָט שטיל זיך אײַנגעגנורעט

און צוגעמאַכט די אויגן גלײַך
צו אײַנשלאָפן אַ גרייטער.
נאָר באַלד האָט פון אַ הויף בײַם טײַך
אַ ביל געטאָן אַ צווייטער.

און ערגעץ פון אַ פאָדערהויז,
פון רוגזה אויפגעציטערט,
איז נאָכן צווייטן הונט אַרויס
מיט האָווקערײַ אַ דריטער...

דאָס בילערײַ, ווי פון אַ שפּונט
מיט קראַפט אַרויסגעשאָסן.
פון אומעטום ווו נאָר אַ הונט
אַרויס איז מיט זײַן לשון.

אַזאַ געזוניך איז בײַ די הינט,
וואָס איז ניטאָ בײַ קיינעם:
ס׳טוט איינער נאָר אַ פּיפּס — געשווינד

אים האַלטן אונטער אַלע הינט —
באַזונדער און אין איינעם.

נאָר אַלץ אין לעבן האָט אַ סוף,
אָט איז אַ ביל אַ לעצטער...
זיי פאַלן שוין אַרײַן אין שלאָף,
די כּלבים די צעהעצטע.

דעם קאַלנער שטעל איך אָן. ס׳איז קיל.
איך גיי פאַרבײַ דעם צווינטער.
ס׳איז נאַכט, ס׳איז ווײַס, ס׳איז שפּעט, ס׳איז שטיל,
ס׳איז וווּנדערלעך דער ווינטער!

די אָקאָליצע

דו, רוסישע אָקאָליצע גרינגראָזיקע!
מיט קאַראַהאָדן ווידער נעמסטו זידן.
נאָר ווו זיינען די „שערן" איצט, די דאָזיקע
באַגלייטער פון די שׂמחהס ביי די ייִדן?

ס׳הילכט ווידער די האַרמאָניקע די וואָלאָגדער,
ס׳פאַרגייט זיך די סאַראַטאָווער טאַליאַנקע.
נאָר ווו זיינען דאָס „פריילעכס" און דאָס „וואָלעכל",
דאָס זינגען אויף די שטעטלדיקע גאַנקעס?

דער קאַראַהאָד אויף פאָרלעך אויף באַזונדערע
צעוויכערט זיך, און יעדעס פּאָרל פלאַטערט...
נאָר זיי, די יונגע כלה־מיידלעך אונדזערע
מען האָט אויף די אָקאָליצעס געפּאַטערט.

און דאָרט, אַרום די טאַנצנדיקע, ווידער שוין
מע קלייבט זיך און מע פרעגלט זיך פאַר תּענוג.
נאָר זיי, די חתן־בחורים די ייִדישע
מע האָט אויף די אָקאָליצעס פאַרפּייניקט.

דאָס האָט מען מיך

דאָס וואַרפט מען מיך אין פלאַם אַרײַן,
אין אויוונס פון מײַדאַנעק...
עס שרײַט מײַן אַש: ניט מוחל זײַן! —
בײַ יעדער טיר און גאַנעק.
עס שרײַט מײַן אַש:
— ניט מוחל זײַן,
ניט מוחל זײַן!

דאָס האָט זי מיך, די ברוינע פּעסט,
פאַרפּײַניקט אין אָסווענטשים...
עס שרײַט מײַן בלוט: — אוי, ניט פאַרגעסט,
איר, לעבעדיקע מענטשן!
עס שרײַט מײַן בלוט:
— אוי, ניט פאַרגעסט,
אוי, ניט פאַרגעסט!

דאָס האָט מען מיך דערשטיקט מיט גאַז
אין קאַמערן טרעבלינקער...
דער הימל שרײַט: — גיס אויס דײַן האַס,
דײַן האַס זאָל זיי דערטרינקען!
דער הימל שרײַט:
— גיס אויס דײַן האַס,
גיס אויס דײַן האַס!

אין באַבי יאַר — מײַן ווינד און וויי
איז אין דעם ליים פאַרקנאָטן...
עס מאָנט דאָס בלוט: פאַרניכטעט זיי
צוזאַמען מיטן שאָטן!

עס מאָנט דאָס בלוט:
— פאַרניכטעט זיי,
פאַרניכטעט זיי!

דער קאַרשנבלאַט

דער קאַרשנבלאַט וועט אויף מײַן שויב
שוין קיין מאָל מער ניט פלאַטערן.
ער ליגט צונויפגעדרייט אין שטויב
און טוט זיך נעבעך מאַטערן.

דער קאַרשנצווײַג, ווו ס׳האָט דער בלאַט
געוואַקסן, אַ געראָטענער,
ער ליגט צעבראָכן, מיד און מאַט,
אין קויט אַן אײַנגעקנאָטענער.

דער קאַרשנבוים — געשטעקט זײַן צווײַג
אין פענצטער האָט אין אָפּענעם —
ער ליגט אַ טויטער און ער שווײַגט.
אַ באָמבע האָט געטראָפן אים.

געפאַלן איז זי פון דער הויך,
אַרײַן אין שטוב אַ פײַער איז.
עס איז אַוועק מיט שוואַרצן רויך
אַלץ וואָס געווען מיר טײַער איז.

טשירי־בירי־באָם

געקענט האָב איך אַברהמען
אַ פערציק יאָר כּמעט,
קיין גיטער און קיין קראָמען
דער ייִד האָט ניט געהאַט,
קיין בהמות און קיין ציגן,
קיין מיל און קיין פּאַראָם,
געהאַט האָט ער אַ ניגון
דער פריילעכער אַברהם:
— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

די אויגן בײַ אים שײַנען,
דאָס בערדעלע פּאַרשאַרפט,
אַחוץ דעם ניגון זײַנעם
מער גאָרנישט ניט געדאַרפט.
וווהין ער פלעגט ניט קומען —
אין מרחץ צי אין קראָם,
פלעגט שטענדיק אונטערברומען
דער לוסטיקער אַברהם:
— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

כ׳געדענק ווי איצט זײַן חופּה,
זײַן כּלה נעבן שטייט,
די אויגן — פרום פּאָטופּעט,
עס בלאַנקט איר זײַדן קלייד...

אַ „שער״ האָט מיטגעריסן
דעם בונטן מענטשן־שטראָם,
און הענט מיט הענט זיך שליסן.
איך הער נאָך עד היום:
— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

זײַן גליק איז אָבער שפּעטער
צערונען ווי דער רויך —
זײַן ווײַב קומט אום אין געטאָ,
די קינדער זײַנע — אויך.
זײַן הויז — בלויז סלופּעס שטאַרצן,
ער שטייט ווי בײַ אַ תּהום.
און רײַסן נעמט בײַם האַרצן,
ווען ס'ברומט זיך צו אַברהם:
— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

קיין קינד, קיין רינד ניטאָ מער,
צו אַלץ אַ סוף, אַן עק...
איז ער אויף דער מלחמה
אָן וואַקלעניש אַוועק.
ער לאָזט זיך אין אַטאַקע —
צוואַלאָם, צוואַלאָם, צוואַלאָם!
און מיטן ניגון טאַקע,
ווי ס'איז געווינט אַברהם:

— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

אַדורך אַזוי פיל יאָרן,
פול מאַטערניש און פּיַין.
פון אויג כ׳האָב אים פאַרלאָרן,
ווו קאָן ער איצטער זיַין ?
פון יענע שווערע זיגן
עס קלינגט נאָך עד היום
דער האַרציק פראָסטער ניגון
פון אָט־אָ דעם אַברהם :
— טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־באָם,
טשירי־בירי־בים־באָם. —

תשעה באָב

אַ שטערן האָט געגעבן זיך אַ קרישל
און זיך צעשאָטן איבער מײַנע שויבן.
איך האָב פֿון טאַבורעט זיך אויפֿגעהויבן,
אויף װעלכן כ׳בין געזעסן בײַ מײַן טישל.

איך טו אַ קוק אין דרויסנדיקן בלוי —
דער הימל איז אין פֿײַערדיקע פּאַקן.
כ׳טו אויס די שיך און בלײַב אין אײנע זאָקן,
און איבער שטוב אַרומגײן כ׳נעם אַזוי.

װי איבער פּריסעק, דוכט זיך אויס, איך טרעט.
פֿון אַלע זײַטן, רונד אַרום — רויִנען...
װוּ איז מײַן שטוב? איך קען זי ניט געפֿינען.
ס׳איז מיר פֿאַרבליבן בלויז דער טאַבורעט.

איך קער אים איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ,
די פֿיסלעך ביז צו מײַנע אַקסלען גרײכן,
װען כ׳זעץ זיך צװישן זײ מיט אַ פֿאַרבײגטן קאָפּ.
כ׳האָב אויפֿן קול גענומען זאָגן איכה.

אַ באַלאַדע וואָס איציק מאַנגער האָט זי ניט געשריבן

שטייט משיח ביַי דעם שליאַך און טראַכט:
הער נאָר, הער נאָר אַ מעשׂה!
רומענער ציגײַנער האָבן, קאָנטיק, ביַינאַכט
צוגעלאָטכנט דאָס פערד דאָס וויַיסע.

אַ פּיפּס זאָל כאָטש געבן דער הונט אויף דער קייט.
די לבנה געווען איז אַ פולע.
ער האָט אַקוראָט אין וועג זיך געגרייט —
אַראָפּברענגען אונדז די גאולה.

ער האָט פון פאַרנאַכט דעם פערד אין שטאַל
אַ קאָרעטע האָבער פאַרשאָטן, —
מירצעשעם מאָרגן מיטן ערשטן שטראַל
וועט ער זיך שוין וויגן אין זאָטל.

ער האָט שוין פאַרפּאַקט אינעם קאָשעק פון שטרוי
דעם טלית און תּפילין, דעם סידור.
אין וועג זאָל ניט לאַנגוויַיליק זיַין אים אַזוי —
מאַנגערס באַלאַדן און לידער.

משיח האָט לאַנג שוין געזאָלט אַראָפּ —
יאָרטויזנטער וואַרט מען זיַין קומען.
ס'איז דען ניט פאַרזונקען ביז איבערן קאָפּ
די וועלט אין שערי־טומאה?

ער האָט שוין געטאָן מיטן ביַיטשל אַ פּאָך,
געבליבן איז נעמען און פאָרן.
איז נאָ דיר! אַזאַ מין וויסטער בראָך —
זיַין פערד איז נעלם געוואָרן!...

אייגנטלעך קען מען זיך דורכגיין צו פוס —
איז זײַנען די פיס ניט פון אײַזן.
און צווייטנס — ער איז דאָך משיח — ער מוז
רײַטנדיק נאָר זיך באַווײַזן.

פאַר אייניקע זײַן וועט עס אפשר אַ נײַס,
וואָס ניט אויף אַ גרויען אייזל,
נאָר אויף אַ פערד ווי מילעך ווײַס
קומט מען אַ וועלט אויסצולייזן.

גיי פּרוּוו און געפין אַזאַ פערד אויפן מאַרק!
אַוועק יענע צײַטן די גוטע.
אַ סיווע קליאַטשע מיט אַ האָרב אויפן קאַרק
ניט קריגן וועסט אויך פאַר וואַליוטע.

אַ „וואַלווע" קענסט אײַנהאַנדלען, צי אַ „פּיאַט",
דער מאַרק איז פול מיט די זאַכן.
ווו זײַנען די פערדלעך, וואָס האָבן געהאַט
געטראָגן זיך איבער די שליאַכן?

די ידישע שליאַכן פון בלוט זײַנען רויט...
— וויאָ־וויאָ פערדעלעך פלינקע! —
דער בעל־עגלה מיט אַ פולער בויד
פאַרפאָרן איז אַזש קיין טרעבלינקע...

און אַלץ מיטן פײַער אַוועק איז אין פראַך!
דער רויך טוט די אויגן נאָך בײַסן...
וויינט משיח בײַ דעם שטויביקן שליאַך
אין אַ יום־כּיפּור־קיטל אַ ווײַסן.

הינטער די טירן

עס האָבן לאַנג צעפּרעסן שוין די מילבן
די צאַרישע געוועזענע מונדירן.
מיר לעבן פון אַ בילבול ביז אַ בילבול,
מיר שטייען אַלץ נאָך מיט פּראָשעניעס בײַ די טירן,
ווי ס׳וואָלט ביז איצט דער קיסר נאָך רעגירן.

אוי־ווײ, די טירן יענע די דובאָווע!
צו זיי מע שטופּט זיך מיט געמיטער שווערע
אויף אויסבעטלען, ווי בעטלער אַ נדבה,
אַ קאָפּעלע גערעכטיקײַט, ניט מערער.

ווי גוט זיי זײַנען מיר, די טירן, קענטלעך —
גיי פּרווו און ברעך אַדורך זיי מיטן שטערן!
די גלאַנציקע פון שטאָל געשמידטע הענטלעך
געצילט זײַנען אין דיר ווי רעוואָלווערן.

און שמעקערס מיט די ציגל־רויטע צורות
זיך דרייען דאָ אַרום ווי הינט אַ סטײַע.
די שליסל־לעכער — ווי די אַמבראַזורעס —
אָט־אָט אויף דיר אַ גאָס טאָן וועלן פײַער...

און ווען אַ טיר באַפוילט דו זאָלסט אַרײַנגיין,
איבערן טיש פון דעם, וואָס אַלצדינג ווייסט ער,
דערזעסטו: ווו דער קיסר איז געהאַנגען,
הענגט אויף זײַן אָרט אַ שפּאָגל נײַער קיסר.

עס איז אויף אים ניטאָ קיין אַקסלבענדער,
קיין פרענזלדיקע רויטע עפּאָלעטן,
נאָר ס'האָט פון דעם זיך גאָר ניט ניט געענדערט, —
מיר שטייען ביי די טירן און מיר בעטן...

דאָס וואָרט

ניט ווערן זאָל דאָס וואָרט אַנטשטומט
סײַ בײַם געבורט און סײַ בײַם הספד!
אויב ס׳ווערט אַנטשטומט, דער דעספּאָט קומט
און פאַר אַ קנעכט דיך מאַכט דער דעספּאָט.

אַליין דאָס וואָרט — דאָס איז שוין טאַט,
פאַרשליס עס ניט אויף טויזנט שלעסער.
אַנטשוויגן ווערסט — איז קומט דער קאַט
און אין דײַן שווײַגן שלייפט דעם מעסער.

אַנטשוויגן ווערסט — אויף אַלדאָס בייז
דו קענסט זיך יעדע רגע ריכטן —
צוזאַמען מיט דײַן אַלף־בית
מע זאָל דיך מערדערלעך פאַרניכטן.

אונדזער גאָרטן

„זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זײַן?...״
משה־לייב האַלפּערן

פֿאַרדאָרבן דער דיכטערשער גאָרטן.
ניטאָ ווער דאָס ווילדגראָז זאָל יעטן.
אַזוי פיל געבענטשטע פּאָעטן
מיר פלעגן באַגעגענען דאָרטן!

פּאָעטן באַקרוינטע מיט קראַנצן
פון לאָרבן אויף געטלעכע שטערנס.
מע זעט זיי כּמעט ניט אינגאַנצן,
זיי זאָלן צום גאָרטן פאַרקערן.

דער גאָרטן — ס׳איז שווער זיך צו גלייבן —
געשוועבט איבער אים האָט די שכינה.
מע האָט דאָרט אַליין משה־לייבן
געזען אויף די סטעזשקעס די גרינע.

כ׳האָב אויך פונעם גאָרטן געגעזן,
די לופט זײַנע כ׳האָב אײַנגעזויגן.
דער בוים איז אַ בוים דאָרט געוועזן,
דער פויגל געוועזן איז אַ פויגל.

קיין ווערכטער געוועזן איז ניט נייטיק —
די כּלבים פון אים פלעגן ווײַכן.
אַזאַ מין מאַיאָנטעק אַ רײַכן
פאַרהפקרט מיר האָבן — ס׳אַ ווייטיק!

אַ גרעזל זאָל טאָן דאָרט אַ פּליסטער,
אַ בלעטל זאָל גרין זיך צעשטראַלן...
ווי פון אַ פאַרשאָלטענער וויספּע
אַ היישעריק איז אים באַפאַלן.

די ווילד־פרעמדע ווינטן צעדראָשן
אים האָבן. אויך זיי צו פאַרדאַנקען
זיך וואַלגערט אַהינטערן פלאַנקען
דאָס דיכטערשע יידישע לשון.

און דורך דעם צעעפנטן טויער,
ווי דיכטער זיך פלעגן פאַרזאַמלען,
געגעבן אַ שפּאַר האָבן גרויע
אומטויגיקע פלאַפּלער און שטאַמלער.

זיי האָבן דעם גאָרטן באַלאַגערט
ווי יענע סוף־האַרבסטיקע ראָבן,
די אמתע דיכטונג פאַרגראַגערט,
פאַרשריגן, פאַרשפּיגן זיי האָבן.

מע טוט נאָך דערפאַר זיי מיט לאָרבן
באַקראַנצן די גלאַנציקע פּליכן.
דער דיכטערשער גאָרטן — פאַרדאָרבן,
און אַלעמען אונדז איז עס ניחא!

וועגן דער לבנה

וו איז זי, די אַמאָליקע לבנה,
וואָס פלעגט באַשיינען אונדזער שמאָלן ליק?
פון איר איך פלעג זיך אָפּרייסן ניט קאָנען,
עס פלעגט זיך צובינדן צו איר מײַן בליק.

פון איר עס פלעגן ווערן גלײַך פאַרכּישופט,
אין צויבערלאַנד אַרײַן פלעגן צעהעלט
סײַ אין זײַן שיפל אויפן טײַך דער פישער,
סײַ אויף „באָטשנאָיע" ס'פּאַסטעכל אין פעלד.

סײַ אויפן שטאַנג פון פלויט דער פוסטער הלאדיש,
וואָס איז געבליבן הענגען איבער נאַכט,
סײַ יענער ייִד, וואָס פלעגט זי זײַן מחדש
און האָט די ריינסטע ברכות איר געבראַכט.

וו איז זי, די אַמאָליקע לבנה,
אויף וועלכער מיר האָבן געקוקט פאַרגאַפט?
די שטיוול זײַנע דאָרט — מע דאַרף עס קאָנען! —
געלאָזן האָט דער קאָסמאָנאַווט...

דער טאַטער

דאָרטן, אויף די פעלדער די וואָלינער
כ׳בין געפאַלן אַ געפּלעפּטער פון אַ מינע.

אויף זיך האָט מיך סאַיִט אַרויסגעשלעפּט.
דער קוילנוואַרפער מיט רציחה האָט געשטעפּט.

מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן האָט ער,
דער טאַטער, מײַן געטרײַער פרײַנט אין שלאַכט.

איז ווער האָט אַזאַ ווערטל אויסגעטראַכט,
אַז „העלפן וועט דיר ניט קיין טאַטער״?

קאַטיושאַ

אַט די שיינע ליד „קאַטיושאַ",
ווי זי קומט מיר אויפֿן זינען,
טוט זיך אָפּ פֿון מיר די רו שוין,
כ'קען קיין אָרט זיך ניט געפֿינען.

גלײַך דערזע איך פֿאַר די אויגן
די פֿאַרבלויטע אינדערפֿריִען
אונטער הויכן רעגנבויגן,
וווּ די עפּלביימער בליִען,
וווּ די באַרנביימער בליִען,
וווּ אַ שורה ווילדע ענטלעך
טוט איבערן טײַך זיך ציִען.
היינט דער טײַך, ער איז פֿאַרהאַנגען
מיט אַן אומבאַוועגלעך רויכל.
קאַטיע איז אַרויסגעגאַנגען
צו דעם שיפֿן ברעג דעם הויכן.

כ'האָב געזאָגט „אַרויסגעגאַנגען"...
ריכטיקער — אַרויסגעשוווּמען
ווי אַ פּאַווע, אין אַ לאַנגן
סאַראַפֿאַן אין בונטע בלומען —

אַט־אָ שטייט זי, אַט־אָ גייט זי
צו דעם טײַך זיך דורכשפּאַצירן,
אַ האַרמאָניקע באַגלייט זי
טראָט בײַ טראָט אין וועג אין אירן.

הײַנט די ליד אירע די שײנע
האָט געהילכט אויף אַלע װעגן.
יעדערער פֿון אונדז פֿלעגט מײנען,
אַז זי זינגט פֿון זײַנעטװעגן.

צי געװוען ביסטו, קאַטיושאַ,
אױפֿן הױכן ברעג פֿון זושאַ?

מײַן זכּרון נעמט זיך שלײַכן
צװישן די מלחמה־רעדער...
אָט דערזע איך יענץ־אַ טײַכל
אין דער געגנט פֿון די סעדער,
װוּ דער פֿראָנט האָט זיך געצויגן
אויף דעם בויג פֿון „קורסקער בויגן".

שװאַרץ־פֿאַרברענטע עפּלביימער,
שװאַרץ־פֿאַרברענטע באַרנביימער,
פּוסט און װיסט, ניטאָ דאָ קײנער.
אַזאַ פּחד, אַזאַ אימה...

אויסגעשׂרפֿהט איז די לאַנקע,
ס׳פּליט די בין ניט נאָכן האָניק,
קיינעם זעט מען דאָ ניט בלאָנקען
און מע הערט ניט די האַרמאָניק.

ס׳ליגט די ערד אין טויטן ציטער.
אומעטום נאָר קברים, קברים...
פֿון אונטער אַ מינען־שפּליטער
קריכט אַרויס אַ מתים־װאָרעם.

אַלץ דער טויט האָט צוגענומען,
צוגענומען, אויסגעדונגען.
בלויז דער ניגון אויפֿן גומען,
בלויז קאַטיושאַ איז געקומען

אין דער ליד, וואָס כ׳האָב געזונגען
בײַ דעם פּלעמעלע דעם מאַטן,
ווען דאָס קאַנעצל פּלעגט צאַנקען
אין דער טונקעלער זעמליאַנקע
מיט די רוסישע סאָלדאַטן.

אוי, דו שיינע ליד „קאַטיושאַ״, —
די מלחמה אויף דער זושאַ!

וויפֿל צײַט שוין ווי מיר האָבן
ניט געהאַט דעם פֿולן אָטעם.
אויפֿן הויכן ברעג, אין גראָבנס —
אַ פּאַרטײַעטע, מײַן ראָטע.

אויף דעם פֿלאַכן ברעג דעם צווייטן —
אַ געקנויל פֿון שוואַרצע רויכן.
די מחבלים דאָרט זיך גרייטן
צונעמען דעם ברעג דעם הויכן.

די געקנאַלן אונדז פֿאַרטויבן
אין די זאַמדיקע אָקאָפּעס.
פּרוּװ דעם קאָפּ אַרויסצוהויבן —
וועסט ניט וויסן וווּ דײַן קאָפּ איז...

גיי און שרײַ דאָ חי וקיים
אין דער האָזיקער מהומה...
פּלוצים איז אין רעכטן פײַער
די קאַטיושע אָנגעקומען, —

ניט אָט די אין שיכלעך ענגע
אויף די שטאָטישע אָפּצאָסן,
ניט אָט די אין בונטע סטענגעס,
וואָס צום פּנים שטאַרק איר פּאַסן,

ניט קיין ברייטע פאַלדן־שטראָמען
פון די אַרבל די באַשפּיצטע,
נאָר אָט די, וואָס טראָגט איר נאָמען,
אונדזער רעטערין איז איצטער.

ווי זי האָט אַ בליץ געגעבן,
ווי זי האָט אַ הילך געגעבן,
און געמאַכט זיי יענעם לעבן,
זיי, וואָס זײַנען קעגן איבער
אין די בעטאָנירטע גריבער.

הילכן אונדזערע קאַנאָנען,
אַז, אין פולן פּראַכט אין אירן,
ווידער זאָל קאַטיושאַ קאָנען
אויפן הויכן ברעג שפּאַצירן, —

אויף דער זושאַ, אויף דעם פּריפּעט,
אויף דעם ברײַטן דניעפּ דעם גרײַזן,
אַז עס זאָל די ברוינע קליפּה

סײַ אין װײַנאַכט, סײַ יום־כּיפּור
אויף דער װעלט זיך מער ניט װײַזן.

אוי, דו רוסישע קאַטיושאַ, —
ס׳ברענט דאָס פּנים מיר פֿאַר בושה...

דו, װאָס האָסט דורך טויטן זיבן
אונדז אַ דורכגאַנג דורכגעבראָכן,
(אויך אויף מיר מיט בלוט פֿאַרשריבן
איז דער רוסישער נצחון), —
דו, װאָס האָסט מיט מיר צוזאַמען
יענעם גרויסן זיג געפּײַערט,
צינדן איצטער דײַנע פֿלאַמען
מײַנע גאַרבן מיטן שײַער!

דו באַװײַזסט זיך איצטער פּלוצעם
אין אַ פֿעלדזיקן צעװישן...
מײַנע פֿרידלעכע קיבוצים
װער האָט דיך געשיקט באַשיסן?

מײַנע דערפֿער און פּרדסים —
מיט אַזוי פֿיל מי און פּלאָגן
האָט מײַן פֿאָלק זיי אויסגעטראָגן —
װער האָט דיר געקענט זיי הייסן
פֿון דער ערד אַראָפּצוטראָגן?!

זאָג, װי האָט זיך עס באַקומען —
דו זאָלסט קומען אונדז פֿאַרניכטן!

אויף אַזעלכע זאַכן קרומע
ווער האָט דאָן געקענט זיך ריכטן?

ווען אונטערן רויטן שטערן
כ׳האָב געוואָרפן זיך אין פייַער
און „זאַ ראָדינו!״ כ׳פלעג שרייַען
ביז דער אָטעם פלעגט מיר סטייַען —

ווער געקענט האָט דעמאָלט קלערן
אַז סע פרעסט זיי אויף די שׂינאה,
זיי, וואָס קענען ניט פאַרגינען
אונדז די אייגענע מדינה?

און צום סוף מיר ווילט זיך זאָגן: —
כ׳דאַרף ניט מערער קיין פּירושים. —
ביסט ניט ווערט דעם נאָמען טראָגן
פון דער אמתער קאַטיושאַ.

וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען
אויף דעם הויכן ברעג דעם שיפן.
איר אַ דאַנק פאַר די געזאַנגען
פונעם האַרצן פונעם טיפן!

דאָס שוועלבעלע

ס׳האָט בײַ אונדז אין טייל געדינט
איינער אַ סאָלדאַט.
קיין באַזונדערע סימנים
האָט ער ניט געהאַט.

ניט צו הויך און ניט צו קורץ,
און ניט זייער דאַר.
ער איז ניט געווען פון די,
וואָס מע רופט זיי „גבר״.

מיט דער טייל די גאַנצע צײַט
אין פײַער און אין רויך.
רוט די טייל אויף אַ פּריוואַל —
רוט דער בחור אויך.

טרעפט, ס׳איז קיין פּראָוויאַנט ניטאָ —
ציט מען אײַן דעם בויך. —
זידט מען קעסעלעך מיט טיי,
טרינקט דער בחור אויך.

אַלץ קאָן טרעפן אויפן פראָנט,
ווײַל עס איז אַ פראָנט.
ס׳האָט דעם שׂונא אונדזער טייל
פאַרהאַלטן ניט געקאָנט.

אָפּגעטראָטן זײַנען מיר,
פוסט איז דער טראַנשיי.
און די דײַטשן גרײַפן אָן,
קריכן ריי נאָך ריי...

פויזען מיר צוריק צום בריק,
נאָר עס ברענט די בריק.
און מיט אונדז אויך דער סאָלדאַט
פויזעט אויף צוריק.

ביי דעם טייך דערהרגעט ליגט
פון סאַנבאַט דאָס פערד.
צו זיין בויך מיר טוליען זיך,
נענטער צו דער ערד.

איבער אונדז דער הימל איז
לויטער ווי קרישטאָל.
זע, ווי קומט אַ שוועלבעלע
אַהער צו מיט אַמאָל?!

ווי אַ שטיינדעלע עס פאַלט,
הייבט זיך ווידער אויף.
און אַוועק, אַוועק, אַוועק,
שטייגנדיק אַרויף...

אוי, דו פייגעלע דו קליינס! —
קוקנדיק אויף דעם,
האָט ביים האַרצן זייער שטאַרק
אַלעמען פאַרקלעמט.

מיין סאָלדאַט, ער הויבט זיך אויף,
בלוט אויף זיין שינעל, —
ס'האָט ביי אים אין אויג אַ טרער
אויפגעלויכטן העל.

און אַוועק, אַוועק, אַוועק,
פּונקט ווי פון אַ שטויס.
און נאָך אים די גאַנצע טייל —
זיך געלאָזט פאָרויס.

— — — — — — — — — —

נאָכדעם ערשט מיר האָבן זיך
אַלץ דערוווּסט גענוי.
ס'איז בײַ דעם סאָלדאַט געווען
אַ היים, אַ קינד, אַ פרוי.

ס'האָט דער שונא פון זײַן שטוב
תּיל און תּל געמאַכט.
ס'איז אַ שוואַלבן-נעסט געווען
אונטער יענעם דאַך.

יאָר 1945

שטעכיקע דראַט

איך פּויזע און פּויזע,
ווי ס׳פּויזעט אַ רויפּ.
אַ הייב, אַ צי אויס זיך,
אַ הייב, אַ צי אויס זיך,
און אָט זיך פאַרטײַעט
אַהינטער אַ סטויפּ,
און אָט מיטן פּנים
פאַרקראָכן אין קויט —
כ׳וואַרט איבער דאָס פײַער,
וואָס טראָגט מיט זיך טויט.

די ביקס צו מײַן רוקן איז צוגעפּרעסט שטײַף.
דער ווינט בלאָזט אַרײַן אין רער מיט אַ פײַף.
די ערד נאָכן רעגן איז קלעפּיק ווי קיט
און לאָזט ניט פאַרויס דיך, צוריק נאָר זי ציט...

מײַן פאַס — אויפן רוקן פאַרדרייט מיטן שנאָל,
דאָס גראָז אָנעם שנאָל ניט פאַרטשעפּען זיך זאָל.
אָט האָט אַ ראַקעטע צעשפּאָלטן די לופט
און אָפּזוכן מיך אינעם חשכות געפּרווט.

און ווידער פאַרטײַעט כ׳בלײַב ליגן אין פעלד,
דעם קאָלנער צעשפּיליעט. ס׳האָט לופט מיר פאַרפעלט.
איך דאַרף אומבאַמערקט, אַזוי ווי אַ קראָט,
דערקלײַבן זיך ביז צו דעם שטעכיקן דראָט.

אַ הייב, אַ צי אויס זיך.
אַ הייב, אַ צי אויס זיך.
אויף אײנעם אויף מיר איז איצטער דער אויסזיכט.

איז האָב איך זיך טאַקע דערקליבן אַהער!
כ׳פאַרהייב איבער זיך די סאַפּיאָרישע שער...
געבענטשט זײַ, סאָלדאַטישע פינצטערע נאַכט!
אָט האָב איך מײַן ראַטע אַ דורכגאַנג געמאַכט!

מיר לאָזן זיך לויפן.
דער וועג איז פרײַ!
— זאַ ראָדינו! — שרײַ איך,
— זאַ סטאַלינאַ! — כ׳שרײַ...*
...און אָט איז דאָס אַלץ ווי אַ חלום פאַרבײַ.

אַ הילך טוט אַ יופּע,
אַ ביקס טוט אַ קנאַל,
און גלײַך אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיקטער כ׳פאַל
אָט דאָ אין דער טונדרע אויף קיינעמס באַראַט.
דער לאַגער אַרום און אַרום איז אין דראָט,
אין שטעכיקע דראָט,
אין שטעכיקע דראָט...

---

* זאַ ראָדינאַ, זאַ סטאַלינאַ – פאַרן היימלאַנד, פאַר סטאַלינען. (רוסיש)

דער סוק

דו גיב נאָר אויף דעם בוים אַ קוק.
דו זעסט דעם אויסגעדאַרטן סוק?

כ׳געדענק ווען מיט אַ צײַט צוריק
איז ער געווען אַ צווײַג אַ גרינער.
דאָ אויף אַן אָפּצווײַגל אַ דינעם
האָט זיך דער סאָלאָווײ געוויגט,
ווען מיט התלהבות אומדערמיד
ער פלעגט אַרויסזינגען זײַן ליד.

דעם סאָלאָווײ מע זעט ניט מער
זאָל קומען אויפן סוק אַהער.

דערפאַר דער שוואַרצער וואָראָן יעצט
אויף אים זיך אויסצוקראַקען זעצט.

אַ געשפּרעך

— וואָס שטייסטו אָט דאָ אויפֿן ראָג און זיך קווענקלסט?
קום בעסער אַרײַנגיין אַהער צו אין שענקל
דעם איבערגעטריקנטן גאָרגל אַ שווענק טאָן!

די ריזיקע אָוונט-שטאָט האָט זיך צעקלונגען,
און דיר, ווי ס׳וואָלט אָטעם פֿאַרפּעלט אין די לונגען.
מע קען דאָך ניט מער אַ פֿאַרשמאַכטער אַרומגיין!

דער שטאָט-זייגער איז ווי אַ טאָץ ווי אַ רונדער.
די קעלישקעס האַלטן זיך — פּשוט אַ וווּנדער.
אַ קעלישעק איז — יעדער ציפֿער באַזונדער.

דו ביסט ווי דער ווײַזער אָט יענער פֿון אײַזן, —
אָן אויפֿהער, כּסדר דאַרפֿסט קרײַזן און קרײַזן —
אַ קרײַז נאָך אַ קרײַז, און קענסט ערשט ניט באַווײַזן.

נאָר אינעם הו־האַ דאַרפֿסטו בלײַבן אויף שטענדיק,
מעג בלײַבן דיר לעבן אַ יאָר צי אַ צענדליק,
ביז ס׳האָט זיך דײַן אָטעם בײַ דיר ניט געענדיקט.

דו זאָלסט זיך ניט קלאָגן פֿאַר קיינעם, חלילה,
און בעטן דיר שענקען אַ רגע אַ שטילע, —
עס וועט דיר ניט העלפֿן, מעגסט פּלאַצן אַפֿילו!

און אויב שוין אַזוי, דאַרף מען מאַכן לחיים,
די ביטערקײַט מיט אַ צוקערקע פֿאַרקײַען,
פֿון דיזן און דאַזן אַ קאַפּעטשקע ברײַען.

װאָס שטייסטו נאָך אַלץ װי אַ תּם און זיך קװענקלסט?
קום, לאָמיר אַרײַנגײן דעם גאָרגל אַ שװענק טאָן...
— — — — — — — — — — — — — — — —
דאָס רייד איך צו זיך אויף טאַגאַנקע* בײַם שענקל.

1962 יאָר

* טאַגאַנקע — אַ גאַס אין מאָסקװע.

וועגן בייגן זיך

דער בוים זיך בייגט אין שטורעם־ווינט,
ניט איינברעכן ער זאָל אים.
ווי נאָר ס׳גייט דורך דער שטורעם־ווינט,
דער בוים, ער גלײַכט זיך אויס געשווינד —
ס׳איז ווידער אַלץ בשלום.

אַ האַלבע חכמה פונעם בוים
האָסט אויפן שטעל באַנומען.
געבויגן האָסט זיך ווי דער בוים,
כּדי ניט אומצוקומען.
נאָר אויסצוגלײַכן זיך ווי ער
האָסט נעבעך ניט געקענט שוין מער.

עס נעמט זיך שוין טראַכטן

עס נעמט זיך שוין טראַכטן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער
פון דעם ווי עס וועט זיך געפינען מײַן קרקע,

ווי ס'וועט מיך אַ נעם טאָן די חברה־קדישה
און טאָן אַ פאַררוק, ווי אין ערדענער נישע
פון ברוסטווער פאַררוקט מען אַ פילבאַרע מינע —
ניט אויפרײַסן זאָל זי אין מיטן דערינען,

ווי ס'וועלן די רידלען אין ריטם געניטן
די עפּענונג נעמען וואָס גיכער פאַרשיטן,

ווי ס'וועט אַנשטאָט מיר טאָן אַ וואָקס אויס אַ בערגל,
וואָס קיין שום פאַרדראָס וועט דאָס בערגל ניט ווערגן,

און ווי אויף מײַן שטיין, וואָס מע וועט ניט פאַרטעסען,
וועט אויסגעקריצט ווערן נאָר — זיאַמע טעלעסין,

ניט זלמן וועט אויסגעקריצט ווערן, נאָר זיאַמע —
אַזוי ווי עס האָט מיך גערופן די מאַמע,

ווי איינע אַליין וועט מײַן נאָענטע בלײַבן...
ווי קען מען אַ ליד אָט אַזאַ מין דערשרײַבן ?...

זינאָווי לוואָוויטש

די צײַט וועט אַריבער
(אַ נאַר איז אַ נביא) —
איך הער, מע פרעגט איבער:
„טעלעסין זינאָווי?"

— זינאָווי לוואָוויטש! —
מיט בליקן מיט ווייכע.
און יעדערער שטופּט מיר
אַ שלום עליכם.

— זינאָווי לוואָוויטש,
ווי האַלט מיטן האַרצן?
אָפּרוען דאַרף מען
בײַם ים בײַ דעם שוואַרצן.

— זינאָווי לוואָוויטש,
ביטע, פאַררייכערט!
געוואָרפן? אַ העלדישקייט!
וואַרפן כ'וויל אויכעט...

— זינאָווי לוואָוויטש,
שרײַבט אונטער, ביטע,
צײַט שוין אַן אויפלאַגע
מאַכן אַ דריטע.

פאָלגט מיך, פאַרגעסט זי,
די אַלטע געשיכטע.
מיר ווייסן, איר זײַט דאָך
אַן אמתער דיכטער.

— זינאָווי לוואָוויטש,
וואָס וואַרט איר, באַרעכנט!
ניט דרוקן זיך איצט
איז אַ גרויסער פאַרברעכן.

דעם פאָלק דאַרף מען געבן
טאַלאַנטפולע זאַכן.
און יידיש איז דען
ניט קיין שפּראַך צווישן שפּראַכן?

...ער גייט מיר דערציילן!
ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

איך זע שוין פאָרויס
מיט מיַין פּשוטער ראיה:
מיך, ווי דעם גנב,
מען שלעפּט פון דער תּליה...

יאָר 1967

די ייִדן — די רוסישע דיכטער

די ייִדן — די רוסישע דיכטער —
איך קען זיי, די דאָזיקע ייִדן.
אויף זייערע שאַרפע געזיכטער
באַמערקסטו אַן אומרו אַ מידן.

ווי דריקן וואָלט זיי אויף די רוקנס
די לאַסט פון אַן אַלטער לעגענדע.
די דיכטער די רוסן ניט קוקן,
חלילה, אויף זיי ווי אויף פרעמדע,

וואָס האָבן פאַרכאַפּט זייער נחלה
און האַלטן אויף איר די חזקה,
און רוסישע סאַלע זיי אַכלען,
און רוסישן בראַנפן זיי זשליאָקען, —

זיי וואַרפן אַרײַן בלויז אַ שטותל...
נאָר ס׳פעלט ניט די ייִדן קיין שׂכל —
זיי קוקן אויף אָט־אָ די רוסן
מיט עטוואָס אַ סקעפּטישן שמייכל.

די רוסישע דיכטער — די ייִדן —
איך קען זיי, די דאָזיקע דיכטער.
זיי זײַנען פאַרחלומט פאַרשידן,
נאָר אַלע אַלצאיינס זײַנען ניכטער.

עס זאָל דער כּתב־יד ניט פאַרבלײַבן
אין שפּאַרבערשע גיריקע נעגל,
איז מוזן זיי „ריכטיקער" שרײַבן
פון זייערע דיכטער־קאָלעגן.

זאָל עמעצער פּרוּוון נאָר געבן
אַ יידישן זיפץ אין אַ שורה,
גלייַך ווערט אַרום אים אַזאַ שטורעם,
אַז ס'איז שוין ניט ניחא דאָס לעבן...

און טאַקע, אַ מאָדנע געשיכטע! —
אין הייַנטיקע צייַטן — מאַראַנען!
די יידן — די רוסישע דיכטער —
זייַט ניט מקנא...

אין פּרעזידיום

צ'י ווײַל איך בין געוואָרן הויך געשעצט,
צי ווײַל מע פּרוווט זיך נעמען מיך מיט גוטן,
נאָר אין פּרעזידיום האָט מען מיך באַזעצט.
איז זיץ איך ווי אַן אָרימער מחותן.

דער לאַנגער טיש דערלאַנגט פון וואַנט ביז וואַנט,
מע האָט פון אים אַרויסגערוקט די פליגל,
און אָנגעדעקט איז ער מיט אַ געוואַנט,
וואָס האָט דעם קאָליִער פון אַן אַלטן ציגל.

און אויבן אָן דער פאָרזיצער שוין זיצט.
אַנטקעגן אים — אַ טעצל פון פּלאַסטמאַסע,
אויף וועלכן אַ גראַפין אַ גראָבער שוויצט,
אַן אָנגעגאָסענער ביז האַלדז מיט וואַסער.

די שטענדיקע פּרעזידיום־לײַט מיט האַסט
זיך לאָזן צו דעם טיש אָן קיין שום פראַגע,
פאַרכאַפּן זיך אַ בענקל, ווי עס פּאַסט
פאַר יעדן — לויט זײַן אַמט און לויט זײַן לאַגע.

אַ דאַנק צו גאָט, איך זיץ שוין אויף אַן אָרט!
און פּונקט אַנטקעגן מיר איז די טריבונע,
וואָס זעען זעט זי אויס — מײַן ערן וואָרט! —
ווי אויפגעשטעלט מע וואָלט אַ דעקל פון אַ טרונע...

עס טוט זיך גיך דער פאָרהאַנג אַ צערוק,
צוויי סאַמעטענע טיכער גייען זיך פונאַנדער.
אין דעם געפּאַקטן זאָל איך כאַפּ אַ קוק —
וווהין זאָל איך אַהינטאָן זיך פאַר שאַנדע?!

די שײַן האָט זיך אויף מיר געטאָן אַ גאָס,
עס בויערן מיך בליקן, בליקן, בליקן,
ווי שולדיק וואָלט איך זײַן אין עפּעס וואָס...
אַ הוסט פאַלט אָן אויף מיר און נעמט מיך שטיקן.

מיך טוט אַ וואָרף אין היץ, דערנאָך — אין קעלט...
וואָס טו איך דאָ?! ווי גיט מען זיך אַן עצה?
נאָר אָט האָט זיך דער פאָרטרעגער געשטעלט
און גלײַך פאַרשטעלט מיך מיט זײַן ברייטער פּלייצע.

...דער פאָרטראָג ענדיקט זיך. — ווער וויל אַ וואָרט? —
— איך וויל! — און איינער שטעלט זיך שוין אַנידער.
דערנאָך אַ צווייטער שטעלט זיך אויף זײַן אָרט,
אַ דריטער קײַט די זעלבע קליאַטשע ווידער...

דערפילט האָב איך, אַז גרייט בין איך אויף מאָרד,
אויב ס'וועט קיין סוף ניט נעמען צו די דרשות.
נאָר אָט באַקומט דער זעכצנטער דאָס וואָרט,
און ס'פאַלט מיר אײַן... צו פאַלן אין חלשות.

מע טוט אַ פּליוכע וואַסער מיר אין העמד
פון דעם גראַפין, וואָס מע דערלאַנגט פון טעצל.
עס ווערט מיר גוט. נאָר זיי האָב איך פאַרשעמט,
מע וועט מיך אין פּרעזידיום מער ניט זעצן.

אַזאַ מין צײַט

די זון גייט אויף, פֿאַרגייט,
די נאַכט פֿאַרבײַט דעם טאָג.
עס פֿרייט דיך ניט די פֿרייד,
עס פּלאָגט דיך ניט די פּלאָג.

עס אַרט דיך ניט דער בוים —
צי וועלקט ער, צי ער גרינט,
צי ס׳בלאָזט אַ ווינטל קוים,
צי האַסטיק יאָגט דער ווינט.

אַז גאָרנישט האָט קיין מאַכט,
מע לעבט אין הינערפּלעט.
מע רעדט ניט וואָס מע טראַכט,
מע טראַכט ניט וואָס מע רעדט.

1952 יאָר

אין טאָל

די ריטשקעס אַראָפּ צו נאָר שמייַען
פון באַרג און פאַרגיסן דעם טאָל...
קענסט — „ראַטעוועט!" יאָמערלעך שרייַען,
נאָר ווי אין אַ וואָליק — דייַן קול.

איך קאָן שוין ניט זיצן אין טאָל מער.
עס ציט מיך אַרויף אויפן באַרג.
כ'האָב אויפגעשטעלט העכער דעם קאָלנער.
דער האַרבסט איז אויף רעגנס ניט קאַרג.

אַיעדעס מאָל שווערער און שווערער
אַרויף צו דערקלייַבן זיך ווערט.
עס איז דער אַרויפגאַנג אַ קווערער,
און גליטשיק — די ליימיקע ערד.

איך טו זיך אַ כאַפּ אין אַ ריטל —
ניט טאָן זיך קיין גליטש אויף אַראָפּ...
די הענט כ'האָב ביז בלוט זיך צעשניטן.
צום הימל פאַרהייב איך דעם קאָפּ.

אַ ליד, אין וועלכער ס׳פּעלט דער סוף

איז רייד איך שוין ריכטיק אַרויסעט דעם ריש,
מײַן נאָז ווײַזט ניט אָן אויף מײַן ראַסע,
מיִאַסאָ ניט זאָגן איך וועל אויף קיין פליש,
איך זאָג ווי עס דאַרף צו זײַן — מיִאַסאָ.

און מאַכן איך מאַך ניט ווען כ׳רייד מיט די הענט
מיט איבערגעטריבענער גדולה.
מײַן רוסיש לשון איז אָן שום אַקצענט,
ווי זײַן כ׳וואָלט אַ שטייגער פון טולע.

אויב נייטיק איז, מאַך איך אַ „מאַמע" גאַנץ שאַרף,
אַרויסהעלפן דאַרף מיר ניט קיינער.
אַרײַנקערן קאָן איך אין לאָמפּ, אויב מע דאַרף,
דערלאַנגען איך קאָן אין די ציינער.

איך האָב ניט געזוכט זיך ווו שטיל און באַקוועם —
זיך אויסצובאַהאַלטן פון כוואַליעס.
ווי כ׳האָב זיך געפירט אויפן פראָנט ? וועגן דעם
דערציילן אײַך מײַנע רעגאַליעס.

און דאָך...

מאַלע בראָנע

אין מאָסקווע איז אַ גאַס דאָ — מאַלע בראָנע.
אַ סאַזשלקע איז אויף דער גאַס פאַראַנען.
אויף יענער סאַזשלקע, באַזוימט מיט אַלטע קליאָנען,
דאָרט שווימען עטלעכע געציילטע שוואַנען.

אין זייער ווײַסקײַט ממש זיך צו שפּיגלען! —
אַזאַ מין ווײַסקייט, וואָס שײַנט אָפּ מיט ראָזן.
מען האָט אַ שניט געטאָן בײַ זיי די פליגלען,
די סאַזשלקע זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן.

איז וואָס זשע קאָנען זיי איצט טאָן? זיי שווימען,
די אומעטיקע העלדזער אויסגעצויגן.
זיי האָבן ניט מיט וואָס זיך צו באַרימען,
זיי זײַנען נאָך אין ערגעץ ניט געפלויגן...

אין ערגעץ ניט! דאָס וויל איך דאָ באַטאָנען.
ווײַל איך האָב אויך געלעבט אויף מאַלע בראָנע.

ס'איז דאָרטן אויך געווען דער טעאַטער
דער יידישער, דער אויף דער וועלט באַרימטער.
און ווען מע האָט מיכעאָעלסן געפּטרט,
די גאַנצע שטאָט געלאָפן איז מיט אימפּעט
אויף מאַלע בראָנע, שלינגענדיק די טרערן...
נאָר לאָמיר צו דער סאַזשלקע זיך קערן.

איז אָט, ווען אין די האַרבסטיקע גאַנצפריִען —
די סאַזשלקע צעפּאַקט פון רעגן־שפּריצן —
עס פלעגן פייגלען ווײַזן זיך, וואָס פליִען
אין לענדער וואַרעמע דעם ווינטער איבערזיצן.

די שוואַנען פלעגן דעמאָלט שרײַען ביטער,
די לאַנגע העלדזער אויף אַרויף פאַרבראָכן.
זיי פלעגן מיט די פליגלען נעמען פאָכן,
און בלײַבן צו דעם וואַסער צוגעשמידטע.

נאָר וואָס איז אײַנגעפאַלן מיר דערמאָנען
די שוואַנען גראָד פון מאַלע בראָנע?

די לעגענדע

בערך אַ צוויי טויזנט יאָר
ווי ס׳איז די געשיכטע פֿאַרלאָפֿן,
ווי אויף דער גאָלגאָטע אַ ייִדן
געקרייצט האָט מען חוצפּהדיק־אָפֿן.
גאָלגאָטע — אַ בערגל אַזאַ מין
אין ירושלים אויף צפֿון.

די דאָזיקע וואָרע געשיכטע
וועל איך אײַך דערציילן פֿאַרשפּאָרן,
אויף וויפֿל זי איז, ווי מיר ווייסן,
פֿון לאַנג שוין פֿאַרשריבן געוואָרן
אין זייער אַ הייליקן ספֿר,
וואָס אַלט איז שוין כ׳ווייס וויפֿל יאָרן.

ס׳איז אויספּירלעך דאָרטן באַשריבן
דאָס גרויזאַם בילד פֿון זײַן קרייצונג.
דו זעסט דעם געטעסעטן צלם,
די טונקעלע נאַקעטע פּלייצע,
אַ גאַל־געטראַנק צווינגט מען אים טרינקען.
די הענקער אים העצן און רייצן,

ווי שלאָגן מע נעמט אים מיט שטעקנס,
ווי שפּײַען מע טוט אים אין פּנים,
און זײַנע תּלמידים זיך האָבן
באַהאַלטן פֿון אים ווי פּחדנים.
דו הערסט זײַן געבעט צו די הימלען:
— אלי למה עזבתני!

מיט ווייטיק האָב איך עס געלייענט,
עס האָט מיך בײַם האַרצן גענומען.
ווי שאַלקהאַפּטיק זײַנען די מענטשן,
וואָס גייען אויף וועגן אויף קרומע!
איך וואָלט זיי צעריסן אויף שטיקער,
אָט יענע צבועקעס די פרומע!

איך וויל פון דער דאָזיקער מעשׂה
אַ „קלייניקייַט״ בלויז אײַך דערמאָנען,
כּדי איר זאָלט בעסער באַנעמען
און טיפער אַרײַנדרינגען קאָנען:
אים צוגעהאָקט האָבן מיט טשוועקעס
צום צלם די רוימער יוונים, —

ווײַל זיי האָבן טאָקע דאָך דעמלט
באַטראָטן די ערד פון יהודה.
זיי האָבן עס יענע מדינה
פאַרוואַנדלט אין שטיינערנע הרודעס.
מיט זייערע פינצטערע מעשׂים
זיי האָבן די וועלט אויפגערודערט.

אַ קרבן פון פינצטערער רשעות
איז ישו — דער ייִד פון נצרת.
מע האָט פאַר אַ גאָט אים געמאָלדן,
און דאָס איז געוועזן דער תּירוץ. —
זיך נוקם צו זײַן אָן די ייִדן.
און אײַנזעען דאָס איז ניט שווער איצט.

(באַוווּסט איז, מע האָט אים געקרייציקט
אין איינעם אַ פרײַטיק אַ הייסן,
און זונטיק איז ער אויפגעשטאַנען
באַגינענצײַט תּחית־המתים
און גלײַך זיך געלאָזן אין הימל.
ווי האָט ער געטאָן עס — גיי ווייס אים!)

...מע האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין פּליטים,
געברענט האָט ווי פײַער דער באָדן.
מע האָט אונדז אויף שײַטערס געבראָטן,
אין אייגענעם בלוט אונדז געבאָדן.
דער רצחישער אימפּעט דער ווילדער
געזאָדן האָט אַלץ און געזאָדן...

מיט לאַטעס מיט געלע געשטעמפּלט
געווען יעדער אַרבל און לאַץ איז.
אין געטאָס מע האָט אונדז פאַרמויערט, —
נאָר דאָרטן געווען אונדזער פּלאַץ איז.
געמאַכט געווען איז עס ניט ערגער
פון זייערע יורשים די נאַצים.

און ס׳זײַנען מקוים געוואָרן
די ביטערע רייד פונעם נביא, —
די נעכט זײַנע שוואַרצער געוואָרן,
געוואָרן די טעג זײַנען גראָווע.
געפּײַניקט מע האָט אין טאָלעדאָ,
געשאָכטן מע האָט אין קאָרדאָווע.

די לעדערנע לונגען פון אָרגל
די לופט מיט אַ כראָפּען פֿאַרשעפּן,
עס פליסטערן די קאַרדינאַלן —
די אויגן אַזש נעמען זיך קלעפּן...
עס בושעוועט די אינקוויזיציע,
זי ווייסט צו דעם שײַטער נאָר שלעפּן...

די לעבן געבליבענע האָט מען
פון גרענעץ צו גרענעץ געטריבן.
און דורכגעגאַן זײַנען מיר טויטן
ניט זיבן, נאָר זיבן מאָל זיבן.
אין הייליקע ספרים האָט קיינער
דעם דאָזיקן גרויל ניט פֿאַרשריבן.

פון אַלע אוממענטשלעכע פּײַנען
דערגאַנגען אַ טויזנטל טייל איז.
אין נאָמען פון גאָט דעם געקרייצטן
געגאַנגען אויף מאָרד און אויף גזילות.
אין קעשענעוו ברעכט מען די שאַרבנס,
און שולדיק אין קיעוו איז ביילים.

ס׳פֿאַרטויבט דעם געוואַלד פון פּאָגראָמען
די אַרכימאַגדריטישע תּפילה.
סע שפּרייט זיך אַ גיפטיקער נעפּל —
דער רויך פון דער פֿאַניקאַדילע.
די קלויסטערשע גלעקער זיי קלינגען:
— האָספּאָדי באָזשע, פּאָמילוי!

שוין זעקס מיליאָן ייִדן פֿאַרניכטעט!
ס'איז ווינציק? נאָך אַלץ ניט צופֿרידן?
צעשאָסן די ייִדישע שנײַדער,
די שוסטער, די הענדלער, די שמידן...
אין אַלץ אויף דער וועלט זײַנען שולדיק
די ייִדן, די ייִדן, די ייִדן!...

די בלוטבאָד — אַ צוויי טויזנט יאָר
ווי זי ציט זיך און ציט זיך אָן ענדע.
„לאַודעטור יעזוס כריסטוס..."
איר האָט אייער גלויבן געשענדעט!
די זאַך איז דאָך ניט אינעם יויזל,
ווײַל דאָס איז בכלל אַ לעגענדע.

1950 יאָר

לייב קוויטקאָ

ווי גוט איך געדענק יענעם ווינטער,
דעם חודש, דעם טאָג און די נאַכט...
...ס'איז מאָסקווע אין שניי אַ פאַרשפּינטע,
ס'איז לאַנג דער מעטראָ שוין פאַרמאַכט.

עס נעמט זיך אַ פראָסט, און אַ גוטער!
די גאַס איז לבנהדיק העל.
ער גייט אין אַ פייענעם פוטער,
און איך — אין אַ גרויען שינעל.

אויף אים — אַזאַ שטרײַמל פון סויבל,
מײַן היטל — פון כאַקי געניית.
אַ זויבערדיק־זילבערדיק שטויבל
די ברעמען בײַ אונדז האָט פאַרוויית.

אין מײַן מיליטערישן אָנטאָן
איך גיי אַ ציווילער אַרום.
עס זײַנען ניטאָ שוין די פראָנטן, —
די מתים זיך קערן ניט אום.

מיר גייען אין צווייען און שווײַגן,
מיר האָבן געגנוג שוין גערעדט.
ס'קומט אויס אונדז — מיר דאַרפן פאַרבײַגיין
דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט.

אַנטקעגן — די וואַנט פונעם קרעמל
צעשטשירעט די ציגלנע ציין.
מיר קערן זיך נאָך אַ געזעמל
פון דעם ליטעראַטן־פאַראײַן.

די קעפּ אין די קאָלנערס פֿאַרגראָבן,
די הענט אין די אַרבל פֿאַרשטעקט.
אַזוינע פֿאַרזאָמלונגען האָבן
מיט בלוטיקע מעשׂים געשמעקט.

מיר גייען. אַ וואָרט זאָל מען זאָגן!
צום גרויסן טעאַטער פֿאַרקערט.
אין נאַכט אַרײַן האָסטיק זיך טראָגן
פֿון דאַך די טשוהונענע פֿערד.

דער שניי האָט פֿאַרהובלט די קאַנטן,
די קרומקייַטן אַלע פֿאַרגלעט.
עס קלינגען די קרעמלער קוראַנטן —
אַ קלונג און אַ קלונג... ס'איז שוין שפּעט.

מיר האָבן אין געסלעך געפּלאָנטערט.
אַ סך האָט ער זאָגן געוואָלט,
און אויסריידן האָט ער געקאָנט נאָר:
— טעלעסין, סע איז האַך ניט קאָלט?*

איך הער, דאַכט זיך, זײַנע געדאַנקען.
עס מאַכט די לבנה אים בלאַס.
— מיר מוזן פֿאַרבײַגיין לוביאַנקע, —
זי ליגט אויפֿן וועג צו זײַן גאַס...

---

* אויף זײַן אוקרײַנישן דיאַלעקט.

בושלען פליִען

אין אַ ווינטערדיקער סטײַע
איבער פעלדער אָפּגעגרינטע
פליִען בושלען קיין מצרים
איבערוואַרטן דאָרט דעם ווינטער.

ס׳קוקט די זון ווי דורך אַן אייגל
אויף מײַן אָסיעַנדיקן גאָרטן.
ווייסן דען פון דעם די פייגל,
וואָס עס טוט זיך איצטער דאָרטן?...

אויף אַרויף דעם קאָפּ פאַרריסן,
כ׳קוק אין הימל דעם פאַרשטאַרטן.
איך וואָלט שוין אַוודאי וויסן,
ווו דעם ווינטער איבערוואַרטן.

1969 יאָר

דער סעמאַפאָר

דאָס גרינע אויג פון סעמאַפאָר
זאָגט אָן: דער וועג איז אָפן!
און האָסטו חשק, נעם און פאָר
אויף מזרח צי אויף צפון.

די גרויסע וווּנדערלעכע ערד
מיט וועגן איז ניט אָרעם.
איז ווילסטו, פאָר, און ניט געקלערט, —
אויף מערב צי אויף דרום.

איך האָב קיין רגע ניט געטראַכט, —
פאַרשטייט זיך, דאַרף מען פאָרן!
איז אָבער דאָך דער וועג פאַרמאַכט...
דאָס גרינע אויג פון מיר גאָר לאַכט,
אַזש רויט איז עס געוואָרן...

די באַנק פון דעם וואָקזאַל איז האַרט.
(געוווינט בין איך אויף האַרטן).
איך זיץ אין דעם הור־האַ און וואַרט.
אַ לעבן אַז מיר וואַרטן...

די גליקלעכע

„אַוועקגעפֿאָרן, אַוועקגעפֿאָרן,
אַ פּולע בויד מיט ייִדן".
פֿון אַ פֿאָלקסליד

אַוועקגעפּלויגן, אַוועקגעפּלויגן
אַן עראָפּלאַן מיט ייִדן!
די וואָלקנס טרעטן אָפּ דעם וועג,
די זון פֿון העלן הימלבערג
צעשמייכלט זיך צופֿרידן.

די קעפּ פֿאַרריסן אויף אַרויף,
די העלדזער אויסגעצויגן,
ביַי די פֿאַרבליבענע, אוי וויי,
די פּנימער ווי גרויער שניי
און טרערן — פּולע אויגן.

אַרויף זיי פֿאָכן מיט די הענט.
ניטאָ שוין מער קיין כּוחות!
ווען ס'וואָלט דער עראָפּלאַן געקענט
אַריַינגעמען זיי אויכעט...
נאָר אינעם הימל הויך ער בלענדט
און זילבערדיק זיך רויכלט.

אויף מײַן ייִדיש לשון

אויף דער וואַנט אײַנגעבויגן —
מײַן פֿאַרעקשנטער שאָטן.
צום באַלויכטענעם בויגן
איז מײַן האַנט צוגעזאָטן.

דער באַגינען נעמט רינען
אויף די נאַקעטע פֿעלדער...
פּרוּוו אָפּצוגעפֿינען
דאָס וואָרט, וואָס עס פֿעלט דיר,

זײַ אַ בריה און קריג אים,
דעם זאָג דעם געגאַרטסטן,
וואָס זאָל ניט צעקריגן
דעם קאָפּ מיטן האַרצן!

נאָר די אוראַלטע אותיות,
אינעם גאַנג אינעם פֿעסטן,
זיי מאָנען, אויף גרויסעס
איך זאָל זיך פֿאַרמעסטן.

איך זאָל ניט פֿאַרשוועכן
דעם גאָב פֿון די אָבות,
איך זאָל זיך ניט ברעכן
פֿון שווערע מחשבות.

ס׳באַגינט שוין. אַ מידער
די שײַן כ׳האָב פֿאַרלאָשן.
אוי לידער, איר לידער
אויף מײַן ייִדיש לשון!

***

מײַן האַרץ
איז ערגעץ אין די בערג,
נאָר איך בין אין דער נידער...
מײַן האַרץ
פֿאַרגײט זיך דאָרט מיט לידער,
און איך מיט טרערן דאָ זיך װערג.

אַ גאַנצע אייביקייט

ערב אַ ליד

ערב אַ ליד איז ווי ערב אַ שטורעם.
אָט טוט זיך אַ בײַט אין איין רגע דער וועטער,
דער בוים נעמט זיך קאָרטשען אין שווערע יסורים,
עס הייבן אָן שרײַען פֿאַר פּחד די בלעטער.

דער הימל, וואָס ערשט איז געווען אַזוי לויטער,
פֿאַרציִען זיך נעמט מיט אַ פֿינצטערער כמאַרע,
דער פֿויגל, וואָס ערשט האָט געזונגען, אַ טויטער
פֿאַרשטעקט זיך אויף גיך ערגעץ ווו אין אַ שפּאַרע.

נאָר אָט האָט אַ דונער אַ טראַסקע געגעבן,
אַוועק איז אַ רעגן אַ פֿולער מיט לעבן.

אַדורך איז דער רעגן, ס׳ווערט העל פֿאַר די אויגן,
ס׳באַווײַזט זיך אַ זיבן־קאָליריקער בויגן.

ס׳איז אָבער אַזוי מיטן שטורעם ניט שטענדיק.
גאַנץ אָפֿט פֿון זײַן רוישן, זײַן טומל דעם גרויסן
ווערט גאָרנישט מיט נישט, און מיט דעם איז געענדיקט.
עס בלײַבט נאָר אַ שטויב אינעם טונקעלן דרויסן.

מײַן האַרץ ראַדירט...

דו זאָגסט דאָרט מערץ, און איך זאָג מאַרט, —
אַ חילוק אַ ניט וויכטיקער.
דער בלאַט, וואָס איז אין קנאָספּ פאַרשפאַרט,
אַרויסגײַן רײַסט זיך אײַנגעשפּאַרט
אויף אַט דער וועלט דער ליכטיקער.

אַ שנייעלע האָט זיך פאַרקלערט
בײַם שפּיץ פון צווײַגן־נאָפּל:
צי ס׳איז אים פאַלן הײַנט באַשערט
נאָך ווי אַ שנייעלע אויף דר׳ערד,
צי ווי אַ רעגן־טראָפּן?

די ריטשקעלעך זיי וועלן באַלד
אַ יאָג טאָן הענדום־פּענדום...
באַלד, באַלד דערהערסטו, ווי עס שאַלט
אַ דרייעק בושלען איבער וואַלד,
וואָס קערט זיך פון דער פרעמד אום.

עס איז דער הימל איבער פעלד
געוואָרן טיפער, בלויער.
עס לאָזט צוביסלעכווײַז די קעלט
און ס׳רוקט פאַנאַנדער זיך די וועלט,
פאַרשמעקט מיט טערפּקער רויערד.

און מיט אַ מאָל דערהערסטו: ס׳רופט
אַ רויש אַ קורץ־געהאַקטער, —
דאָס איז אַ סימן, אַז די לופט
שוין אויף דעם פרילינג זיך פאַררופט
וואָס גרייט אין פעלד דעם טראַקטער.

מיר דוכט, איך זע שוין אַלץ אין צוויט,
און ניט אין שניי אין ווײַסן...
איין זאָרג איז איצטער בײַ מײַן ליד:
אַז באָמבעס זאָלן קיין מאָל ניט
אין ערגעץ זיך ניט רײַסן.

איך זאָג דאָ מאַרט, און דו זאָגסט מערץ, —
אַ חילוק אַ ניט וויכטיקער,
מיט פּינקטלעכקייט פון מעגאַהערץ
מײַן האַרץ ראַדירט: דו הערסט, דו הערסט,
דער פרילינג גייט אַ ליכטיקער!

אָנהויב מערץ 1962 יאָר

ביימער אויפֿן ווינט

אַ קרוין צו אַ קרוין, ווי אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ,
זיי קומען צונויף זיך און קערן זיך אָפּ,
זיי קומען צונויף זיך און קערן זיך אָפּ,
און ווידער אַזוי — אַ קאָפּ צו אַ קאָפּ.

אַ צווײַג מיט אַ צווײַג, ווי אַ האַנט מיט אַ האַנט
זיך שליסן, ווי זײַן וואָלטן זיי שוין באַקאַנט.
פֿאַנאַנדערגענומען און ווידער באַנאַנד.
זיך שליסן, אַזוי נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד.

אַ בלאַט אָן אַ בלאַט, ווי אַ באַק אָן אַ באַק
אַזוי ווי געליבטע זיך גלעטן געשמאַק,
זיי קערן זיך אָפּ אויף אַ רגעלע רק
און ווידער אַזוי — אַ באַק צו אַ באַק.

דאָס אַלץ איז געווען פֿון ווינט נאָר געווענדט.
אָט שטייען די ביימער שוין ווידער פֿאַרפֿרעמדט.

טרײַשאַפּט

כ׳קוק מיט אַ ווייטיק אויף מײַן אַלטן חבר —
דעם בושל, וואָס איך קאָן אַזוי פיל יאָר.
אַ דונער האָט געטראָפן אינעם יאַוואָר
וווּ אין דער נעסט געזעסן איז זײַן פּאָר.

אָט האָט ער אויף די ברייט צעשפּרייטע פליגל
זיך אויפגעהויבן האַסטיק אין דער הויך.
דער הימל — ווי אַ בליאַסקענדיקער שפּיגל,
אין וועלכן גאָר די גאַנצע וועלט זיך לויכט.

נאָר ער אַנטלויפט פון קיינעם אַ באַדראָטער —
ער איז אין הימל איינינקער אַליין.
צעניפגעלייגט די פליגל פלוצעם האָט ער
און אויף דער ערד געפאַלן ווי אַ שטיין.

איך בין ניט געוואָרן קיין זיידע

איך בין ניט געוואָרן קיין זיידע,
מײַן רחל — קיין באָבע געוואָרן.
פאַרבליבן מיר זײַנען שוין ביידע
אַזוי אויף די עלטערע יאָרן.

ווען האָבן מיר וואָלטן נאָך קינדער
(מיר האָבן אין גאַנצן איין בחור),
מיר וואָלטן געהאַט שוין אַצינדער
פול אייניקלעך אין דער משפחה.

די שכנים, וואָס גייען צום טויער
אַרויס אין די בלויע פאַרנאַכטן,
זיי קוקן אויף אונדז מיט באַדויער,
מיט אָריענטאַלישער אַכטונג.

פאַרויס דעם „שלום" אונדז זיי טראָגן —
ניט זײַן אונדז חלילה מבזה.
אַזאַ מין געשיכטע, זיי זאָגן,
פּאַסירט בלויז בײַ אונדז, אַשכּנזים.

דער טאָפּאָל־פּוך

וואָס, איר קאָנט מיך ניט דערקאָנען,
אַזוי שטאַרק כ׳האָב זיך געביטן?
פּרוווט דעם טאָפּאָל זיך דערמאָנען
דעמאָלט אונטער דער לבנה.
פּוך גענומען האָט זיך שיטן
פון דעם טאָפּאָלבוים דעם אַלטן,
אונטער וועלכן זיך פאַרהאַלטן
האָבן מיר אין יענער בלויער
נאַכט בײַים האַלב־פאַרמאַכטן טויער,
ווען כ׳האָב אײַער האַנט געהאַלטן,
און איר האָט (ס׳האָט קורץ געדויערט)
מיך אַ דריק געטאָן צום האַרצן
און געקוקט אויף מיר באַנומען,
ווי ס׳וואָלט עפּעס שטאַרק אײַך אַרן,
און דעם טאָפּאָל־פּוך גענומען
פון מײַן קאָפּ דעם פּעכיק־שוואַרצן
מיט דער האַנט אַראָפּצושאַרן.

איצטער קלינגט עס ווי אַ מעשׂה
פון אַ בוך אַרויסגעשריבן.
יענער טאָפּאָל־פּוך דער ווײַסער
איז אויףביידן אונדז געבליבן...

ביז הונדערט צוואַנציק

איז האָב איך שוין דערלעבט ביז הונדערט צוואַנציק,
ווי ס׳האָבן מײַנע פרײַנט מיר אָנגעוווּנטשן.
און ווײַטער? אין אַ לײַוונטענעם אָנצוג
אַראָפּקומען אַהין אין אונטערגרונט שוין?

שוין ניט פּאָר מיר אין גראָז זיך אויסצוציִען
און קוקן אויף אַרויף, ווי דורך אַ דרימל,
צום פויגל, וואָס געלאָזן האָט זיך פליִען
אין טיפן קופּאָל פונעם בלאָוון הימל?

ניט איך, אַ צווייטער וועט אין פעלד זיך לאָזן,
דאָרט, ווו עס איז דער באָדן אויסגעפּוקלט,
און נאָכשפּירן ווי ס׳פּויזעט אום אַ זשוקל
אין דעם געפּלאָנטער פון צעקנאָכטע גראָזן.

און ווי דער פויגל זינגט וועל איך ניט הערן,
און ווי די ריטשקע קלינגט וועל איך ניט הערן?
ס׳איז טיפע נאַכט. דער הימל ווײַנט מיט שטערן,
ווען כ׳טו אַ טראַכט, אַז כ׳וועל אַמאָל ניט ווערן...

צוויי טראָפּנס טוי

צוויי טראָפּנס טוי — געפינקלט אויף אַ בלאַט
און ניט געקאָנט זיך אָנפינקלען צו זאַט.

ווי זונען צוויי, צעשפּיגלט און צעהעלט,
פון זיך אַליין זיי האָבן אָנגעקוועלט.

נאָר אָט־אָ טוט דער בלאַט אַ פלאַטער אויף
און ביידע טראָפּנס קײַקלען זיך צונויף...

פון זיי אַ וואַסער־שנירעלע עס ווערט.
אַראָפּגערונען האָט עס אויף דער ערד...

בײַם ים

*

איך זיץ אויפֿן ברעג פֿונעם ים
און שטיינדעלעך וואַרף איך אין וואַסער.
וואָס ווײַטער דאָס שטיינדעלע פֿאַלט,
צעגייען זיך ברייטער די קרײַזן.

ווען גוט אויפֿן האַרצן וואָלט זײַן,
ניט האָבן כ׳וואָלט אַנדערע זאָרגן,
איז וואָלט איך ביז סאַמע פֿאַרנאַכט
ניט אויפֿהערן שטיינדעלעך וואַרפֿן.

*

ווי פּוסט איז דער זאַמדיקער ברעג.
מיר שטערט דאָ ניט קיינער צו טראַכטן.
איז גיי איך און גיי. מיט אַמאָל
אין שוך האָט געגומען מיר שטעכן...

ווען כ׳האָב שוין אַפֿילו פֿון שוך
דאָס זעמדל דאָס שאַרפֿס אויסגעטרייסלט,
איז האָב איך שוין מער ניט געקאָנט
ווי פֿריִער אַרומגיין און טראַכטן.

*

אַ מעווע האָט דאָ אויפֿן זאַמד
אַ פֿעדער פֿון פֿליגל פֿאַרלאָרן.
ווען איך בין געגאַנגען צום ברעג,
איז האָב איך דעם פֿעדער געפֿונען.

איך האַלט אים אין האַנט און איך טראַכט
פֿון פֿליגלען, וואָס שנײַדן די ווינטן.
כ׳זאָל ווערן באַהיט און באַשיצט
פֿאַרלאָרן צו זײַן ווי דער פֿעדער.

*

כ׳האָב נעכטן אַ גאַנצענע נאַכט
קיין אויג ניט פאַרמאַכט אויף אַ רגע —
דאָס קרעכצן, ווי ער האָט געקרעכצט —
עס האָט אַזש ביי׳ם האַרצן גענומען.

ער האָט זיך געוואָרפן אַזוי,
ווי ס׳וואַרפט זיך אַ קראַנקער אין פיבער.
אַ ים זאָל אַ גאַנצענע נאַכט
קיין רגע ניט איינליגן רויק!

*

פון זאַמד, וואָס געווען איז פאַרמישט
אויף שטאַרקן געזאַלצענעם וואַסער,
אַ ייִנגעלע אויסגעבויט האָט
אַ פעסטונג ביי׳ם ראַנד פון דער כוואַליע.

דאַרף געבן די כוואַליע אַ פאַטש —
פאַרשווּנדן איז אַזאַ האַרעוואַניע:
נאָר קומען וועט מאָרגן דאָס קינד
און ווידער דאָ אָנהייבן בויען.

*

דער ים טראָגט ניט איבער קיין שמוץ.
און — דאָס איז באַוווּסט שוין פון אייביק —
אַז אַלץ, וואָס מע וואַרפט אין אים אָן,
אַרויסשפּייען וועט ער מיט רוגזה.

ווי גוט וואָלט געווען אויף דער וועלט,
ווי זויבער די וועלט וואָלט געווען,
ווען ס׳וואָלט יעדער מענטש ווי דער ים
געהאַט אַזאַ גאָלדענע טבע.

דאָס צווייַגעלע

וויפל האַרץ און מי עס האָט געקאָסט אים
אָנמאָלן דאָס צווייַגעלע דאָס פּראָסטע.

זיך דערשלאָגן, אַז דער פרישער מייַ־ווינט
זאָל אַריבער אויפן טויטן לייַוונט.

...און דאָס נאַקעט צווייַגעלע, נעמט דוכטן,
הייבט זיך אָן צו וויגן אין דער לופטן.

זייַנע קנאָספּן — פּעטע פּענדזל־פלעקן —
נעמען ווי מיט דופט מיט טערפּקן שמעקן.

אָט דאָס פּשוט צווייַגעלע דאָס שטילינקס
איז גענוג דערפילן זאָלסט דעם פרילינג.

אַ סאָנעט

כ׳האָב קיין מאָל קיין סאָנעטן ניט געשריבן,
איז פּרוּוו איך איצטער שרײַבן אַ סאָנעט.
כ׳האָב קיין מאָל נאָך קיין שורה ניט פֿאַרטריבן
מיט גוואַלד זיך לייגן אין אַ סדומער בעט.

ס׳האָט ווער געפּרוּווט זיך מיט דער מאָס דער זעלבער
צו מעסטן סײַ דעם שפּאַרבער סײַ די שוואַלב?
ווי קאָן מען עס געדאַנקען, ווי די קעלבער,
אַרײַנשפּאַרן הינטער אַ צאָם מיט גוואַלד?!

איך ווייס, אַז בלײַבן כ׳וועל דער אומגערעכטער,
מע וועט מיך אויפהייבן אויף אַ געלעכטער,
און ס׳איז צו דעם געוויס פֿאַראַן אַ גרונט. —

אַליין שעקספּיר געשריבן האָט סאָנעטן —
דער גרעסטער פֿון די גרעסטע וועלט־פּאָעטן,
איז ווי זשע קום איך אויפהייבן אַ בונט?...

איך זוך דאָס ליד

איך זוך דאָס ליד בײַ דיר אין בוך,
וואָס האָט אַמאָל באַהערשט מײַן זינען, —
מיט אומגעדולד איך זוך און זוך,
נאָר כ׳קאָן עס עפּעס ניט געפינען...

כ׳נעם איבערקוקן ליד נאָך ליד,
איך נישטער אין דעם אויפזוך־צעטל
און מיש אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל —
איך בין געוואָרן ממש מיד.

דאָס ליד מוז ערגעץ ווו דאָ זײַן, —
איך האָב אויף דעם געמאַכט אַ סימן.
פּונקט ווי אין וואַסער ס׳וואָלט אַרײַן
אויף מער שוין ניט אַרויסצושווימען...

הײַנט גיי פאַרשטיי וואָס דאָס באַדײַט!
ווער האָט יענץ ליד מיר ניט פאַרגונען?
צי האָב איך, נאָך אַזוי פיל צײַט,
געפינענדיק עס, ניט געפונען?...

אַפּנים דערפֿאַר

אין הילכיקן טעמפּל
זיך לעשן די ליכטער.
אַ שטומקייט פֿאַרשטעמפּלט
דאָס מויל פֿונעם דיכטער.

דאָ האָט פֿון דער בימה
אין געטלעכן פֿלאַטער
געקלונגען זײַן שטימע,
פֿון אַנגסטן פֿאַרמאַטערט.

נאָר די, וואָס געקומען
אים האָבן באַערן,
געקײַט האָבן גומי
מיט קינבאַקן שווערע.

שטאָט ברענגען אים קוויטן
צו לעשן זײַן טרויער,
האָט איינער דעם צווייטן
געשושקעט אין אויער:

— וואָס דרייט ער אַ היטל
אונדז! — און בחיפּזון
זיי האָבן מיט ביטול
דעם טעמפּל פֿאַרלאָזן.

די וועלט איז צו ניכטער
אַפּנים געוואָרן.
דערפֿאַר ווערן דיכטער
כמעט ניט געבאָרן.

אַ מיטלעלטערלעכע באַלאַדע

אין פּליושענע רעקלעך מיט שטרײַפֿן,
אין שפּיציקע לעטשלעך מיט צינגלעך
עס האָבן געשפּאַנט זיבן ייִנגלעך,
וואָס פּלעגן אויף פּײַפּעלעך פּײַפֿן.

צי ס׳פּלעגן די מילגרוימען רײַפֿן,
צי — וועלקן דאָס גראָז בײַ די וועגן,
די פֿריילעכע ייִנגלעך אַלץ פּלעגן
אויף זייערע פּײַפּעלעך פּײַפֿן.

נאָר אָט האָט דער פֿײַנט אָנצוגרײַפֿן
גענומען אויף זייער מדינה.
און ס׳נעמען די ייִנגלעך די שׂינאה
אַרויספּײַפֿן דורך זייער פּײַפֿן.

גיי פּרוּוו אָט דעם אומגליק באַגרײַפֿן —
געבליבן איז איינער פֿון זיבן...
דורך רויך און דורך פֿײַער געטריבן,
ער ווייסט נאָר: זײַן פּײַפּל זאָל פּײַפֿן.

עס האַלטן די פֿינגער די שטײַפֿע
דאָס פּײַפּל. די כּוחות זיך פֿעלן...
נאָר ס׳רופֿט קעגן שׂונא זיך שטעלן
דאָס מוטיקע ייִנגלשע פּײַפֿן.

אַ פֿײַערל האָט ווי אַ שרײַפֿל
זיך שרויפֿן אין פּײַפּל גענומען,
די ליפּן צעבערענט און דעם גומען, —
נאָר ס׳האַלט אין איין פּײַפֿן דאָס פּײַפּל!

פון יינגל בלײַבט אַש נאָר אַ הײַפּל.
דאָס אַש האָבן ווינטן צעטראָגן...
ביז איצט נאָך, געהערט האָב איך זאָגן,
עס הערט זיך ווי ס'פּײַפּלט זײַן פּײַפּל.

דאָס וואָלקנדל

עס האָט אַ פּיצל וואָלקנדל
דעם הימל אויסגעמיטן —
עס האָט דאָס פּיצל וואָלקנדל
זיך צווישן אונדז פאַרשניטן...

נאָר צווישן אונדז דאָס וואָלקנדל
ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן,
עס האָט דאָס פּיצל וואָלקנדל
אין ערגעץ זיך באַהאַלטן...

געדויערט האָט דאָס וואָלקנדל
אַ רגע נאָר אַ קנאַפּע —
עס האָט נאָר פון דעם וואָלקנדל
איין טרער אַרויסגעקאַפּעט...

נאָר אָט זיך ווײַזט אַ וואָלקנדל —
ניט צווישן אונדז, חלילה,
נאָר ס׳ווײַזט זיך איצט דאָס וואָלקנדל
אין הימל אין גלילער.

אַ וואָלקן ווערט פון וואָלקנדל,
און כמאַרעס — פונעם וואָלקן.
דאָס האָט דאָס ערשטע וואָלקנדל
געבראַכט זיי גאַנצע פאָלקן —

פון די גלילער הויכקייטן,
פון די ירדנער ברעגן, —
אַ קאַפּ, אַ טריף, און ס׳איז אַוועק
אַ מאַכלדיקער רעגן!

דײַן האַנט

כ׳קוק ווי קנעטסט דאָס טייג אין מולטער.
יעדער פינגער פאַר זיך רעדט.
ווען איך וואָלט געווען אַ סקולפּטאָר,
דײַנע הענט כ׳וואָלט אויסגעקלעפּט.

יעדן פינגער כ׳וואָלט באַזונדער
אויסגעקנאָטן מיט זײַן חן,
מיט זײַן כּישופדיקן וווּנדער,
וואָס איך איינער קען פאַרשטיין.

אויף דער דלאָניע יעדעס מינדסטע
שטריכעלע כ׳וואָלט אויפגעכאַפּט,
יעדעס אָדערל דאָס דינסטע —
ס׳וואָלט דער דופק אַזש געקלאַפּט.

ווען אַ מידער כ׳וואָלט געדרעמלט
מיט מײַן בענקשאַפט זאַלבענאַנד,
אונטערלייגן וואָלט איך דעמאָלט
אונטערן באַק צו מיר דײַן האַנט.

אין דיר איז מײַן גלויבן

צי גלייב איך אין גאָט?
אין דיר איז מײַן גלויבן.
דערפֿאַר טו איך גלויבן
דײַן יעדער געבאָט —
ווי זײַן וואָלסט אַ גאָט
אין הימל דאָרט אויבן,
וואָס אָט ער פֿאַרשטעלט זיך
מיט כמאַריקע ברעמען,
און אָט ער באַהעלט זיך
מיט לויטערער שײַן, —
איז האָב איך פֿאַר וועמען
מתפּלל צו זײַן.

פאַרגלײַכן

איך גיי אַראָפּ צום טײַכל מיטן שטעגל.
ווערבעס דרײַ דערזע איך אין אַ סגול,
ביז די קני אין וואַסער, שטייען טריבע.

כ'האָב אַ פרעג טאָן זיי געוואָלט: ס'איז נאָס אײַך? —
ס'איז געווען די קלאַטקע ווי אַ פּתח. —
נאָר דאָס טײַכל אָן אַ וואָרט אַריבער.

אויפן גרינעם גראָז, וואָס איז ווי סאַמעט,
שטייט פאַרטראַכט אַ בושל ווי אַ למד —
פּונקט דעם אַלטן ברונעם קעגנאיבער.

ס'הייבט זיך אָן דאָס געסל נאָכן ברונעם.
און די שטאַנגען ווי די לאַנגע נונען
טאָרטשען אין די פּלויטן בײַ די שטיבער.

אַלץ אַרום בפירוש זאָגט מיר: טו דאָס!
צו דײַן אלף־בית, צו די נקודות
אונדז פאַרגלײַכן זאָלסטו, דיכטער ליבער!

ווען ס'האָט זיך בײַ מיר ניט געשריבן

איך בין געזעסן לאַנג בײַם טיש,
עס האָט זיך ניט געשריבן.
גענומען מאָלן כ'האָב אַ פיש
מיט פישעלעך מיט זיבן.

באַוווּסט איז יעדערן פון אײַך,
אַ פיש דאַרף וואַסער האָבן.
איז אָנגעמאָלט האָב איך אַ טײַך,
בײַם טײַך — אַ קלאָץ אַ גראָבן,

און אויפן קלאָץ אַ פישער זיצט,
זײַן ווענטקע איז אַ לאַנגע.
ער האָט דעם האָק אין טײַך פאַרשמיצט
און... גאָרנישט ניט געפאַנגען!

די ציקאַדע

דורך מײַן פענצטער דעם צעפראַלטן
שפּרינגט אַרײַן צו מיר אַ ליאַדע
נאַכט די זעלביקע ציקאַדע —
מיט איר ליד מיך אונטערהאַלטן.

זי מײַדט אויס דעם שײַן־געפינקל
פון מײַן טישלאָמפּ אויפן בויגן.
זי פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל —
זיך ניט וואַרפן אין די אויגן.

ווי זי לאָזט זיך נאָר דערהערן,
אויף מײַן שרײַבן כ׳בין מבטל.
כ׳קען זי אין מײַן שרײַב־וואַרשטאַטל
הערן ביז דעם מאָרגנשטערן.

ווי איך האַלט אַזוי אין זיצן,
קומען פעלדער מיר אַנטקעגן,
אָפּגעפרישט פון וואַסער־שפּריצן,
ווי ס׳וואָלט כּלומרשט גײן אַ רעגן,

כ׳זע דאָס בוימוואָל־פעלד פאַרכליניעט
אין אַ פּוך אַ שנייִיק־ווײַסן,
כ׳זע די קערבעלעך די גרינע
מיט דעם זילבערדיקן בוימוואָל,
ווי זיי נעמען זיך צערײַסן,

כ׳זע די ווײַנטרויבן זיך קייטלען
אויף די הענגלעך אויף די הייסע,
כ׳זע ווי ס׳ברוינען אויס די טײַטלען
אין די זוניקע פּרדסים,

ווי אַ סטאַדע שאָף אַראָפּ איז
צו דעם ירדן־ברעג דעם פלאַכן,
ווי פון פעלד מע פירט די סנאָפּעס, —
נאָך און נאָך — אַזוי פיל זאַכן!
— — — — — — — — — —
שוין אַ וואָך צי מער אַוודאי,
ווי עס קומט ניט מײַן ציקאַדע.

מיט דעם פויגל

דער פויגל, ער ווערט אַזש משוגע
פאַר פרייד וואָס די וועלט איז אים גרוים.
אָט וואַרפט ער זיך צו דער פראַמוגע
און פון דער פראַמוגע — צום בוים,

פון בוים — זיך אַ ריס אינעם הימל
און ווערט ניט אין גרינגלעכן רויך.
עס גיט מיר זײַן אימפעט אַ סטימול
אַ לאָז טאָן זיך אויך אין דער הויך.

אָט בין איך שוין העט־ווו פאַרפלויגן —
איך בין פונעם פויגל ניט ווײַט.
...צום הימל די הענט אויסגעצויגן,
איך הער, ווי פון אונטן מע שרײַט:

— אַ ייִד אויף די עלטערע יאָרן,
וואָס ניכטער דאַרף זײַן, ווי באַוווסט,
דעם דעת מיט אַ מאָל האָט פאַרלאָרן,
עס האָט זיך אים פליִען פאַרגלוסט! —

ווי גוט איז אין הימל אין פרײַען,
אין זוניקן זילבערנעם גלי!
כ׳ווייס, זאָלן זיי אונטן דאָרט שרײַען —
אַבי נאָר אַלץ העכער איך פלי...

די שניטערן
(לויט נעזוואַלן)

צוקאָפּנס ליגט דער סערפּ. עס שלאָפט די שניטערן.
זיך אָנגעהאָרעוועט זי האָט געשמאַק.
אַ קאָרנבלימעלע פון סנאָפּ נעמט ציטערן
פון אײַנגעליבטקײַט בײַ איר פרישער באַק.

דאָס ווינטעלע געוואָרן שטיל צו ביסלעך איז.
עס דוכט זיך, ס׳איז צום פעלד ניטאָ קיין סוף...
אַרום — אַ ים פון ריחות טערפּקע־זיסלעכע.
זי שלאָפט מיט אַ מחיהדיקן שלאָף.

אַ גערשטן־זאַנג מיט לאַנגע וואָנצן שאָרסטיקע
איר אויפן האַלדז אַן אויסגעשטרעקטער פאַלט.
צו אירע ליפּן, ווי צום קוואַל, אַ דאָרשטיקער,
כ׳וואָלט צופאַלן. נאָר כ׳טו אַ כאַפּ זיך באַלד:
צו אַלט בין איך שוין איצט פאַר איר, צו אַלט...

כאָטש מײַנע וואָנצן זײַנען ווי אַ בערשטל —
נאָך שאָרסטיקער אַפילו פונעם גערשטן.

פון אַ רונדיק בערגעלע

ס'האָט פון אַ רונדיק בערגעלע
אין מיטן פרייַען פעלד
געטאָן זיך עטוואָס זאַמד אַ שאָט —
אַ מוילוואָרף זיך באַוויזן האָט
און גראָד זיך אויפגעשטעלט.

ער האָט אַרויף דערקליבן זיך
פון טיפן הינטערגרונט.
מיט זיך דאָס רונדע גריבעלע
פאַרשטעקט ווי מיט אַ שפּונט.

ווי מיט זייַן שנוקל האָט ער נאָר
די לופט געטאָן אַ שטויס, —
די זון אַזאַ געראָטענע
פון וואָלקנס איז אַרויס.

פון ראַנד ביז ראַנד דעם גאַנצן קאַנט
מיט שייַן האָט זי פאַרפלייצט.
אַ ווינטעלע האָט מיט זייַן האַנט
געגלעט די קעפּלעך ווייץ.

די זאַנגען רייַפע — פאַרן שניט —
זיך וויגן מיט אַ שאָרך.
ווי אויף אַ פאָדעם אין זעניט —
קוים־קוים זיך וויגט דער לאָרך.

עס האָט דער לאָרד צעזונגען זיך.

די פֿליגלען פּאַך און פּאַך...

דער מוילוואָרף אינעם מיטן פֿעלד.

וואָס דאַרף מען האָבן נאָך!

אַ גאַנצע אייביקייט

פּאָמפּע, האַרץ מײַנס, פּאָמפּע
דאָס בלוט אין מײַנע אָדערן!
דו זאָלסט זיך ניט פֿאַרסטאָמפּען,
קיין רו זאָלסטו ניט פֿאָדערן.

פֿון אײַזן זײַן זאָלסט שטאַרקער,
מיט אומרו זאָלסט מיך זעטיקן!
דרײַ איילן פֿון דער קרקע
כ׳וועל קיין מאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן...

זע, מײַן האַרץ, ניט הרגע
מײַן אײַנגעשפּאַרטע גלײַביקייט.
אַ חיי־שעה אַ קאַרגע
איז דאָך אַ גאַנצע אייביקייט...

אינהאַלט

אונטערן באַקסערבוים

שלאָג אויף די קישן 11
דו זעסט דעם מידבר 12
איך שטיי אונטער אַ באַקסערבוים 13
צום באַרג מירון 14
גיב, לאָמיר אַן איזעלע קויפן 16
מײַן אולפּן 18
ראַבינאָוויטש 19
קמץ־אַלף — אָ 22
זאָל רעגענען 24
מיטן פּנים צום באַרג 26
אין מידבר 27
דאַרשט 28
דאָס מידבר־בלימל 29
דער ברונעם 30
יום־כּפּור־מלחמה 31
בײַם טײַכל קישון 33
אַ האָגל אין ירושלים 36
„שבע, שבע, שבע" 38
פֿאַלאַפֿעל 40
פּאַליטגראַמאַטע 41
כ'האָב ניט געוווּסט 42
צו דעם בושל 43
די בעריאָזע 44
מיר פֿאָרן צום באַרג מירון 46
אַ באַגעגעניש 47
אַ יישוב לעבן ירושלים 48
ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן 49

אַ שטאָט אָן גאַסן 50
מײַנע אותיות 51
אין ביכער־קראָם 53
ס׳איז הײַנט אַזוי 54
ווי דאַרף מען זאָגן 56
פּושקין 57
האַרץ 59
אונדזער סאָסנע 61
„באָביע ליעטאָ" 63
נאָסטאַלגיע 64
דאָס פּאַרל אונטער דער פּאַלמע 65
דרײַ ייִדן 66
בײַ אונדז איז איצט ווינטער 68
אַ שנײ אין ירושלים 69
אַ לעבן האָסטו אויסגעפּעלט מיר 70

מיר האָבן פֿאַרזייט אַ גאָרטן

אַזוי גוט אויף דער נשמה 73
גײ ווײס 74
מײַן לאָמטערנדל 76
פֿאַרוואָס פֿאַלן שטערן 78
אויס חדר 79
די משפּחה באָדט זיך 80
דער עפּל־באָרנבוים 81
דער הימל 83
אונדזער באָבע 84
דער שענסטער מנהג 85
מע לערנט זיך 86
אַ יאָלד אין אַ קאָפּעליוש 87
ביטערגראָז 89
שווײַגעניש 91
אַ יויך 92
דאָס ציגעלע 93
וואָלסט געזונגען אונדז 95
מיר האָבן פֿאַרזייט אַ גאָרטן 98
מיך, דעם מענטש 100

איך בין אַ קאָנסערוואַטאָר 101
מיר נעמט זיך שרײַבן 103
אַזאַ פּאַרדראָס 104
דער טראַמוויַ 105
וואָדקאָווסקי געסל 106

פּיר ווינטן

פּיר ווינטן 111
דער מילשטיין 112
דער צלם 117
ס'איז וווּנדערלעך דער ווינטער 118
די אַקאַליצע 120
דאָס האָט מען מיך 121
דער קאַרשנבלאַט 123
טשירי־בירי־באָם 124
תּשעה באָב 127
אַ באַלאַדע, וואָס איציק מאַנגער האָט זי ניט אָנגעשריבן 128
הינטער די טירן 130
דאָס וואָרט 132
אונדזער גאָרטן 133
וועגן דער לבנה 135
דער טאַטער 136
קאַטיושאַ 137
דאָס שוועלבעלע 143
שטעכיקע דראָט 146
דער סוק 148
אַ געשפּרעך 149
וועגן בייגן זיך 151
עס נעמט זיך שוין טראַכטן 152
זינאָווי לוואָוויטש 153
די ייִדן — די רוסישע דיכטער 155
אין פּרעזידיום 157
אַזאַ מין צייט 159
אין טאָל 160
אַ ליד אין וועלכער ס'פעלט דער סוף 161
מאַלע בראָנע 162

די לעגענדע 164
לייב קוויטקאָ 169
בושלען פּליִען 171
דער סעמאַפאָר 172
די גליקלעכע 173
אויף מיין ייִדיש לשון 174
⁂ (מײַן האָרץ איז ערגעץ אין די בערג) 175

אַ גאַנצע אייביקייט

ערב אַ ליד 179
מײַן האַרץ ראַדירט 180
ביימער אויפן ווינט 182
טרײַשאַפט 183
איך בין ניט געוואָרן קיין זיידע 184
דער טאָפּאָל־פּוך 185
ביז הונדערט צוואַנציק 186
צוויי טראָפּנס טוי 187
בײַם ים 188
דאָס צווײַגעלע 190
אַ סאָנעט 191
איך זוך דאָס ליד 192
אַפּנים דערפאַר 193
אַ מיטלעלטערלעכע באַלאַדע 194
דאָס וואַלקנדל 196
דײַן האַנט 197
אין דיר איז מײַן גלויבן 198
פאַרגלייכן 199
ווען ס'האָט זיך בײַ מיר ניט געשריבן 200
די ציקאַדע 201
מיט דעם פויגל 203
די שניטערן 204
פון אַ רונדיק בערגעלע 205
אַ גאַנצע אייביקייט 207

Lillian H. Ward
9/19/86

ביכער פון זעלבן מחבר

דערשינען אין ראַטנפאַרבאַנד:

אויף מײַן אייגענער ערד

אויף דער ליכטיקער וועלט

לידער און פּאָעמען

אויף מײַנע אחריות

און אַ ריי ביכער אין רוסיש.

דערשינען אין ישׂראל:

געוויין פון זכּרון